STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01295

SEFER GEDULAT YOSEF

Hayim Avraham ben Aryeh Leyb Kats

Permanent preservation of this book was made possible
by Howard & Bertha Hoffman
in memory of
the Hoffman, Pressman, Brown & Greenwald families

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

גדולת יוסף

אין דיזען ספר ווערט פיל מעשיות דער ציילט וויא יוסף פירט מיט זיינע ברידער גרויסע וויכוחים. אויך געפינט זיך דא פיל משלים. אונ אויך גרויס מוסר פון אמונת הבורא יתברך. אויך פון תחית המתים.

הספר הזה נעתק ללשון עברי טייטש מכפר מלחמה בשלום ע"י הרבני מהור"ר אליעזר פאוויר.

ווילנא

בהוצאות ובדפוס ה' פראדעל מ"ץ תחי'.
שנת תרס"ט לפ"ק

ГЕДУЛАСЪ IОСИФЪ.
Величiе Iосифа.

ВИЛЬНА. Типографiя Л. Л. Маца, Завальная ул. д.
Вендорфа. 1910 г.

וישב יעקב וכו׳ אלה תולדות יעקב יוסף וכו׳

יוסף קומט פון פעלד זייער טרויעריג אונ גיט אפ צו יעקב דם פריזר
פון זיינע ברידער אונ דאס פריד פון דיא שאף אונ ער זעצט זיך
קענגן זיין פאטער מיט איין טרויעריג פנים ויאמר זאגט צו אים יעקב פאר
וואס האסטו אזו אשלעכט פנים טאמר איז דיר שווער דיא שאף צוא
נויידן זיץ מיט מיר איך וועל ניט מער אוף דיר דיא ארבייט ארוף
לייגין : יוסף זאגט אזו . הער פאטר איך בין דיין זון דיא שאף זענן
דייני שאף ווארום זאל איך ממאס זיין אין דיא שאף אדר אין דער
ארבייט : יעקב זאגט וואס דען איז דיר מיין גוטר זון אונ ווארום איז
דיין גמיט אזו איבל זאג מיר מיין קונד פאר לייקן מיר ניט פון גרוס
ביז קליין : יוסף זאגט וואס אין מיין הארץ פאר בארגין איז אונ מיין
ביטר לייב וועל איך דיר הער פאטר באמת דר ציילן . איך האב ממאס
גווען אין דיא חברותה פון מיינע ברודר וייל זייא האבן אפ גקערט
פון דעם גוטן וועג וואס דו האסט אונז גלערינט דאס מיט דיא גוטע
מעשים קאן דר מענש דם אייבגי לעבין האבן : יעקב זאגט וואס פאר
איין אום רעכט האסטו בייא זיי גפונן אוב ח״ו גניבות רציחות תאוות
אודר פאלש שווערין זאג מיר : יוסף זאגט חלילה דייני קינדר זאלען
אזעלכי אום רעכטע זאכן טון נאר די זיידעני קליידר וואס קומן ארוס
פון לאנד מצרים ווערין זיי מיט איין קליינעם פלעק אוך פר פלעקט :
יעקב זאגט מיין זון זאג מיר דעם אמת וואס דען האסטו בייא זייא
גזעהן פאר לייקן פאר מיר ניט דאס קלענצטע : יוסף זאגט הער
פאטר דו האסט אונז גלערינט פון דער תורה וואס דוא האסט מקבל
גוועזן פון דייני עלטערן אז עס איז אסור צוא עסין אבר מן החי אונ
זייא האלטן דם ניט . אוך האסטו אונז גלערינט אז גאט ב״ה האט
פיינט די האפערדיגע הערצר עס איז אסור א מענש זאל זיך הויך האלטן
קעגן זיין חבר ומכ״ש קעגין זיין ברודר דרום גפעלט מיר ניט זייערע
מעשים וואס זייא האלטן זיך בעל גאוה קעגין זייערי ברודר אונ רופן
דיא בני השפחות עבדים דאס קאן איך ניט לידן . אוך האסטו אונז
גלערינט ווער עס וויל זיין איין פרומער מענש זאל ער היטן זיין הארץ
אונ זיינע אויגן ניט קוקן אויף בייזע זאכן . דרום איז מיין הארץ אין מיר
צו נאגן אזוי וויא וואסער דרום הער פאטער דו קענסט דיא קראנקייט
הילין אונ די פאר קרימטע הערצער גלייך צו מאכן : יעקב זאגט מיין
קינד שווייג שטיל איך וועל מיט גאטס הילף דאס היילן אונ ווען זייא

האבן אום רעכט געטאן ווען זיי שון מער ניט טון איך גלייב אז זייא וועלן מייני רייד ניט פר ענדרן אונ שלום וועט זיין צו אונז :

יעקב רופט אקנעכט פון זייני קנעכט אונ באפעלט אים גייא גשווינד צו מייני קונדר אין פעלד אונ זאג זיי פון מיינט וועגן אז מארגן פריא זאלן זיי דיא שאף לאזן בייא דעם שומר אונ זייא אלי זאלן קומן אונ זאלן זיך שטעלן פר מיר איך בדארף מיט זיי עפים צו ריידן .

העבד דר קנעכט לופט גשווינד אין פעלד אריין צו דיא קינדר ער זאגט ליבע ברודר דער הער פאטר האט מיך גשיקט מיט דעם בפעל אז מארגן פריא זאלט איר שטיין פאר אייער פאטר ער האט מיט אייך עפים צו ריידן : האחים דיא ברודר זאגן מיר וועלין פאלגן וואס אונזר הער פאטר האט בפולן. יהודה זאגט ברודר עס איז ניט אום זונסט :

ויהי וויא עס איז געקומען מארגן פריא זענען אלע געקומן אונ האבן זיך געשטעלט פר זייער פאטר אונ זאגן מיר זענן געקומן צו דיין באפעל :

יעקב זאגט הערט צו ליבע קינדר די נאכט האבן מיך מיינע מחשבות ניט געלאזט שלאפן אונ איך האב מיך בטראכט אונ איך רייד צו מיר אליין איז דען איין געזעצטע צייט אונ געציילטע לעבט דר מענש אוף דר וועלט איך בין שון אלט עכ וועט געווים קומן דר טאג וואס איך וועל מוזן פון דר וועלט אוועק גיין אונ איר מיינע ליבע קינדר וועט ירשנן דאס האב אונ דאס גוטס . גלויבט איז גאט ב"ה איר וועט ירשנן גרוס עשירות עס וועט אייך איבר בלייבן הייזר אונ פעלדר זיין גערטנר שאף אין זילבר אונ גאלד אונ צירונג . טאמר וועט אייך אייער הארץ אן ריידן אפ צו קערין פון גאטס וועג אונ נאך גיין תאות עולם הזה ווארום אזוי האבן דיא חכמים גזאגט אז דם עשירות מאכט אפט דעם חכם פר איין נאר אונ ער פר לירט דורך דעם עולם הבא. ווייל דם עשירות רעט אופט אן דעם מענטש ממלא צו זיין זיין תאוה אונ ווען דר חשק פון אכילה קומט אים אן פרעגט ער ניט אונ עסט אפילו אבר מן החי כדי ממלא צו זיין זיין תאוה אוך דורך עשירות ווערט דר מענש איין בעל גאוה אונ זאגט ווער איז צו מיר גליך איך בין איין הער אונ נאך מער ווען דר מענש לאזט זיך נאך זיין תאוה בקומט ער תאוה צו אלים בייזן אבר דר מענש ווייסט ניט אז דיא תאות זענן אלץ מעשה יצר הרע אונ זיי לאקערין אוף זיין ברוט פון זיין גבארן אן דרום מיינע ליבע קונדר איר זאלט גאטס מצוה וואס איך האב אייך געווארנט ניט אפ טאן פון אייערי אויגן וועט איר האבן עולם הזה אונ עולם הבא אצונד גייט קונדר אונ אלע חודש זאלט איר צו מיר קומן

וועל איך אייך לערנען דעם גוטען וועג כדי איר זאלט ניצול ווערען פון דעם
גיהנם ויצאו זייא גייען אוועק פון אים: יהודה זאגט ווי ציטליך אונ זים
זענען אונזער פאטערס רייד אזו ווי האניג: שמעון זאגט דוא זאגסט רעכט
ברודער הלוואי זאל ער מאריך ימים זיין נאר עס וואונדערט מיך וואס
האט ער גאיילט אונז צו רופען אונ צו זאגען אונז דאס ווארום האט ער
נים געווארט ביז מיר וואלטען גקומען צו הוז וואס איז עס היינט מער פון
אלי טאג דם טוז עפעס בטייטען. דם וואס ער זאגט ער האט מורא פר
דעם וואס ער איז אלט דאס איז נאר איין אום רייד ווארום וואס זאל
ער מורא האבען אז ער איז ברוך השם גזונד אוף אלע זייני איברים
עס איז ניט אנדערש מען האט פאר אונזער פאטער רכילות אן גזאגט אז
מיר זענען פרעסער אונ זופר אונ בעלי גאוה אונ מיר ווייסען ניט ווער דר
עוכר איז וואס האט אונז אזו באטריבט ויעו הט געענפרט איין יונגע פון
די קנעכט אונ זאגט נעכטען הב איך גהערט ווי יוסף הט דם גרעט מיט
אייער פאטער מתחלה ועד סוף. שמעון שלאגט אוף די הענד אונ זאגט
איצונד איז ווסיגליך געווארען ווער דר רכילות זאגער איז וואס מאכט
איין שנאה צווישען אונז אונ צווישען אונזער פאטער אצונד זעהט ברודער
ווי מיר האבען איין פיינד ארום אונז. שון לאנג האב איך פר שטאנען
אין יוסף אז ער קומט ניט זיך צו באמיהען מיט ווידען די שאף זונדער
ער קומט נור עפים צו זעהען פון אונז אונ אפ צו זאגען צו אונזער פאטער.
יוסף הערט וואס די ברודער ריידען הייבט ער אוף זייני הענט צו גאט
אונ זאגט ליבר גאט דוא ווייסט דעם אמת אז מיין כוונה איז גוועזן
זענען מייני ברודערס ליבשאפט כדי זייא זאלען דיין הייליגען נאמען ערליך
האלטען או: היינט האבען זיי מיך פיינד פאר מיין ליבשאפט:

ויהי היום רופט יעקב צו יוסף אונ זאגט מיין ליב קונד יוסף פר וואר
דייני ברודער ווידען דיא שאף אין שטאט שכם גייא אהין אונ
ברענג מיר דאס פריד פון דייני ברודער אונ פון דיא שאף. יוסף זאגט
הער פאטער וואס איז היינט מער פר אלי טאג: יעקב זאגט עס האט
זיך מיר איין חלום ניחלמת היינטיגע נאכט דם איך מיט מייני קונדר
וועלען אוועק גפירט קיין מצרים אונ איך הייב אוף מייני אויגען האב
איך געזעהן דעם מלאך וואס הט זיך צו מיר באוויזען אז איך בין געגאנגען
פון ארם נהרים זאג איך צו אים וויא גשריגען מיין הער וועל איך מיך
אום קערין צו מיין געבירט אורט זאגט ער ניין אונ וואס וועט נאך
געשעהן ביי דיין לעבען אונ ווי איך האב מיך אויף גכאפט פון מיין
שלאף שרעקט זיך אין מיר מיין הארץ זייער איך פארכט מיך דיא

גבורים וואס ארום שכם וואונן זיי זענן אונזרי פיינד וויל מיר האבן מיט זיי מלחמה גהאלטן טאמר האבן זיי גדונגן די חיילות פון מצרים און זיי ווען פאנגן מייני קונדר לעבעדיג אפשר טארגן וועלן זיי מיך אוך קיין מצרים פירן טאמר פאנגט אן דם גלות וום עם איז צו אונזר עלטר פאטר אברהם אום גזעצט גווארן פון השם יתברך. יוסף זאגט ווארום האט ער פאטר שרעקסטו דיך פאר דיא חלומות דוא זעלבסט האסט דאך אוך אויף מיר אן גישריגן פון וועגן מייני חלומות: יעקב זאגט דו זאגסט רעכט מיין קינד איך האב אויף דיר אן גשריגן פדי איך זאל אפ טון דיא פיינד שאפט פון דייני ברודר אבר אין מיינעם הארצן ליגט זייער גוט דיין חלום ער וועט גווים מקוים ווערען. יוסף זאגט מיט דעם בפעל פון דעם הער פאטער גייא איך ברענגען צוא דיר איין ענטפער:

וישלחהו מעמק חברון דר פאטר שיקט אים פון עמק חברון. יוסף גייט און ווערט פר אירט אין וועג בגעגנט אים איין מאן פרעגט אים דר מאן וואס זוכסטו. יוסף זאגט מייני ברודר זוך איך זאג מיר וווּ וויידן זיי. ויאמר זאגט דר מאן זייא האבן פון דאנן אוועק גצוגן איך האב גהערט זייא זאגן מיר וועלן גיין קיין דותן. יוסף הייבט אוף זייני פוס און גייט קיין דותן. והאיש און דר מאן שרייעט אוי וויא גשריגן אוף די שנאה פון די ברודר זייער צארין איז שרעקליך שטארק ווי גשריגן אוף דיר דוא קיניגסט אין חלום יוא דר חלום בווייזט אוף נביאות אבר ווער עס וויל גוטץ דער ווארטן. מוז ער אפט פריער פיל צרות און קיבות אום שטיין עס איז נאך לאנג דרוף צו ווארטין איידר די זאך וועט גשעהן: בהפנותו איידר דר מאן פון אים אוועק גייט זאגט ער גדענק וייכי רייד שטוקן דעם צארן:

וילך יוסף גייט פון אים אוועק און זאגט איז דער מאן איין געטליכר מאן צו איין נביא זיין גישטאלט איז ווי איין פארכצומטער מלאך פון גאט פאר זייני ווערטר שרעק איך מיך: יוסף שטייט איין ביסיל ער איז זיך מיישב אוב ער זאל גיין אודר ניט און ער הייבט אוף זיינע פוס און שטארקט זיך און זאגט וועגן דעם גבאט פון מיין פאטר גיי איך און גאט ב"ה זאל טון וואס אים וואול געפעלט:

האחים דיא ברודר זענן אין פעלד וויא עס איז גקומן דיא צייט פון עסין און די ברודר זענן פאר שפרייט אוף דעם פעלד איטליכר מיט זיין ביסעל שאף אוף איין באזונדר אורט. זאגט יששכר ליבע ברודר אזעלכע ליבע ברודער וויא מיר זענן זאלין בייא דענ עסין זיין פאר

שפריים אוף דעם פעלד לאמער מאכן איין הויפן מיט שטיינער וועלין מיר עסין אלי בנאנדער . אונ זייא מאכין איין הויפן פון שטיינער אונ זעצין זיך אלי עסין . יששכר זאגט ווי זים אונ ציטליך איז ווען ברודר באננדר זוצן . שמעון זאגט גווים איז צימליך אונ זים די חברותה פון אונזער ברודר שאפט ווען עס האט אבר ניט גטרעטין אין אונזער גמארק אונ אונזער גבול קיין פוס פון גאוה דר ווידר שפענסטיגר זון וואס ער איז אונז איין שאן אין אונזער פאטרס הויז . איך וויל גאר ניט מזכיר זיין פון זיין נאמן . ווארום איך האב אים פיינד ווייל ער טראכט אלין אוף אונז בייז אונ ברענגט צו אונזר פאטר לשון הרע אונ אונזר פאטר מחמת גרוס אהבה צו אים גלייבט אים אלין וואס ער זאגט . לוי זאגט עס איז מיר גאר איין ווינדר ווי קומט צווישן אונזערי גוטע ברודר אזויא איין עובר אבריין אוך ווינדרט מיך אונזער פאטר אזו איין היילגר מאן זיין מוטר איז אוך איין אשת חיל גוועזין וויא קומט עס אז עס זאל אזו איין שלעכטר פון זיי גבורן ווערין : יששכר זאגט וואס ווינדרסטו דיך פאר וואר אונזר עלטר פאטר אברהם אונ אונזר עלטר מוטר שרה אונ ביידע ווארן היילגע גאטס פארכטיגע מענשן אונ עס איז דאך פון זיי איין שלעכטר זון גבורען גווארען זאלסטו וויסען ברודר דס איז אלץ גאטס מעשים הוך אונ טוף איז גאטס וועג עס איז ניט צו דר קלערין : יהודה זאגט ברודר דו האסט רעכט גזאגט מען קען ניט חוקר ודורש זיין ווס גאט ברוך הוא טוט נאר אבר ווען מען קען איין גוטן טעם גפונען פר וואס זאל מען ניט זאגן דרום הער צו ברודר וואס פר איין טעם איך האב גפונן עס איז ווייניגליך דאס זיין מוטר רחל איז איין עקרה גוועזין אונ אין דר צייט דאס אונזער מוטר האט שון זעקס קינדר גהאט האט נאך זיין מוטר רחל קיין קינד ניט גהאט האט זיא זיך אין אונזר מוטר לאה מקנא גוועזין ביז זיא האט גזאגט צו אונזר פאטר גיב מיר קינדר אונ אוב ניט איז מיר ליבר דר טוט . מערק נאר ברודער וויא ווייט דיא קנאה איז גוועזן ווען זיין מוטר רחל האט גזעהן אונז זיצן מיט אונזר מוטר אזו האט די קנאה אין איר גברענט ווי פייער . דרום האט זי גהאט איין זון איין בעל מקנא . יהודה זאגט ווייטר איך וועל אייך דר ציילן ווס איך האב מיט שכל אפ גיקלערט וואס אין הארץ פון אונזר פאטר איז אוף אונז אונ אוף אונזר ברודר יוסף דורך דעם וועט איר פאר שטיין אין וואס פאר אשטאנד מיר זענן ביי אונזר פאטר . לאמר זעהן פון דר צייט דאס גאט האט דעם מענשן בשאפן אוף דר וועלט איז אלץ איינער אום

דער וועלט גיוואָרן דען פון אָדם הראשון איז נאָר שת אוים געקליבן געוואָרן. אונ פון נח שם אונ פון אברהם נור יצחק ניט ישמעאל אונ פון יצחק נור יעקב אָבר אונזר פאָטר האָט אַזעלכע לייטעשי קינדר ווייא מיר זענן עס איז ניט אין אונז חס ושלום קיין שום פסול גרובט איז גאָט ברוך הוא קענן מיר אלע גלייך זיין. נור דר יוסף ברענגט אלי טאָג רכילוות פאַר אונזר פאָטר ער מיינט אז דר פאָטר זאָל אים אליין אום דר וועגן צו דר ירושה אונ מיר זאָלין לידיג אוועק גיין:

דיאחים די ברודר איינר צום אנדרין זאָגן ווייא אונז אויף אונזר בראָך נים שווייגן מיר עס איז רעכט צו טראַכטן איין עצה וואָס צו טאָן וואָרום אונזר פאָטר איז שון אַלט עס וועט חלילה פר לורין ווערין אונזר האָפנונג. שמעון זאָגט בדאַרף מען דען זוכין דיא רפואות פון גלעד צו דר קראַנקייט עס איז קיין אנדרי רפואה אונ עצה ניט נור מען זאָל אים טויט שלאָגן, דאָ שווער איך ווען איך באקום אים. צו רייס איך אים. אזויא ווי איין ציגקעלע: יששכר זאָגט גלייבט מיר איך האָב אים אזו פיינט ווי איר נור איך פאָרכט מיך פאַר זייני חלומות: שמעון זאָגט די רייד זאָגסטו אן חכמה דען ווס ער האָט אין דר מחשבה טאָגענדיג ווייזט מען אים אין חלום למשל איינר ליגט זיך אין הונגר שלאָפין ווייזט זיך אים עסין אזו איך האָט ער אין זיין מחשבה איבר אונז זיך מתגדל צו זיין אזו האָט מען אים גוויזן אין חלום. איין מאָל האָב איך גזאָגט ווי גיט גאָט אים אין מייני הענט וועל איך אים טויט שלאָגן איך וועל זעהן ווס זיינע חלומות ווערן אום ווייזן: זבולון זאָגט עס איז שון צייט צו עסן וואָרום זאָלן מיר ליידן הונגר חען דר מענש האָט גגעסן בקומט ער איין הארץ דרום לאָמר עסן אונ דר נאָך וועט איר רייזן וואָס איר ווילט האחים אלע ברודר קוקן אים אן מיט איין צארינדיגן פנים: שמעון זאָגט צוא אים ווער האָט דען פון דיר פאַר באַרגן דאָס עסין עס אונ טרונק אונ לאָז דיר וואוֹל זיין. אונז שמעקט ניט קיין עסן. וואָרום מיר האָבן גהערט דעם אמת אין וואָס פאַר איין גורל מיר זענן אויף דר וועלט מיר זענן מענשן ניט בהמות וואָס עסין זייא זאָלן פעט ווערן אונ דר נאָך זאָל מען זייא שעכטן דרום עס דוא אָבר מיר קאָנן ניט עסן:

עודם מדברים ווי זייא אזו רייזן הייבט שמעון אויף זייני אויגן אונ זעהט יוסף גייט פון ווייטן. זאָגט ער נעהט נאָר ברודר דאָ גייט דר בעל החלומות זעהט נאָר ווי גאָט ברוך הוא הט אים איבר געאנטפערט אין אונזרע הענט וואָרום דער וואָס האָט איין הויך אוג אונ איין ברית

הארץ דעם קאן גאט ניט ליידן. מיר זעגן גאטס ווארן נארשן הינט איז גקומן דר בעל הכרם אום ראטן די דרנר פון זיין וויין גארטן. יוסף גנעגט צו זיי אונ זאגט פריד צו אייך אונ צו דיא שאף דר הער פאטר הט מיך גשיקט צוא פארשטן אייער פריד, לופט צו אים שמעון אונ חאפט אים אן ביי דיא קליידר אונ זאגט וואס זאגסטו פריד דוא האסט אונז בטריבט מיט דיין רכילות אונ לשון הרע ביא אונזער פאטר ווייסטו דען ניט דר ווס גראבט איין גרוב אויף זיין חבר פאלט ער זעלבסט אין איר. גאט ברוך הוא האט דיך איבר גענפרט אין אונזערי הענט. היינט מוזטו שטארבן דיין ביז מול אונ דיין ביז הארץ הט דיר דם גורם געווזין דו ביסט זעלבסט שולדיג אויף דיין בלוט. לוי אונ יהודה אונ די איבריגע ברודר חאפן אים אן אין ווילן אים דיא קליידר אפ צוהן אונ יוסף שרייעט וואס האב איך אייך געטאן ליבע ברודר ווס האב איך קענן אייך גזונדיגט וואס איר אלע האט זיך אוף מיר איין בונד גמאכט: שמעון זאגט צו די ברודר זעהט ווס פר איין פאר שייטן פנים ער האט בבן נעמט איהם האט גאר אוף אים קיין רחמנות ניט די ברודר טוען אים אוס זיין זיידן העמדל אונ ווילן אים טוט שלאגן ראובן זאגט ברודר איילט ניט צו פר גיסען בלוט ווארום דער איילענדיגר איז איין חוטא אונ דר נאך בדענקט ער זיך ליבר ווארפט אים אין דעם גרוב אריין אונ שלאגט אים ניט מיט די הענט. לוי אונ יהודה אונ אלע ברודר לאזן אפ פון אים אבר שמעון הייבט אוף דיא הענט צוא שלאגן אים:

ויתפס חאפט אן יהודה אן דיא הענט פון שמעון אונ זאגט לאז אפ ברודר ראובן זאגט רעכט. ווארום וויא קאן מען דאס טאן צו פאר דארבן דאס רחמנות פון אברודר אונ אונזערי הענט זאלן זיין פול בלוט בעסר וועלן מיר אים אין גרוב צריין ווארפן וועט ער דארטן אליין שטארבן: ויקחוהו די ברודר נעמן יוסף בייא די הענט אונ פיס אונ טראגן אים צו דעם גרוב:

ויתחנן יוסף בעט זיך אונ זאגט וואס קריגט איר אלי מיט מיר זאגט מיר ווען איך האב עפס גזונדיגט וועל איך שון מער דאס ניט טאן: האחים די ברודר שווייגן אונ טראגן אים ווייטר צום גרוב אונ ווי זיי זענן נאהנט צום גריב גקומן הייבט אן יוסף צו שרייען מיט איין גרוס געוויין אוי וויי גשריגן מיין גאט ווי האט זיך אפ גטאן דם רחמנות פון די ברודר דוא האסט איבר גקערט זייערי הערצר צוא אכזריות ברודר ברודר האט רחמנות אוף מייני יונגי יארן אודר האט רחמנות

איך די אלטע יארן פון אונזער היילגן פאטר ער וועט בוודאי קלאגן אויף מיר אייביג אונ ער וועט זיך ניט מנחם זיין דרום ליבע ברודר טוט אפ אייער שטיינערנע הערצר אונ דער בארומט זיך איבר מיר האחים די ברודר שווייגן אונ יוסף זאגט וויא גשריגן זייערי אויערן זענן פאר שטאפט אן דר צייט גיי איך פון דר וועלט אוועק קיין נחת האב איך נאך ניט גהאט איך לאז ניט איבר עס זאל גדענקט ווערין מיין נאמן אויף דר וועלט . ערד ערד פאר דעק ניט מיין בלוט גדענק ווי דו ביסט פר פלוכט אונ פרשאלטן גווארן ווען דס בלוט פון הבל וואס זיין ברודר קין האט אים גהרגעט איר מלאכים גלגלים שרפים איז אנדרש נגזר גווארן דער טוט אין אייער מערכה בעט פאר מיר דעם אלטעכטיגן גאט ער זאל גדענקן דעם זכות פון מייני עלטר פאטר אברהם אונ יצחק :

וישליכו דיא ברודער ענטפערין איהם גאר ניט אונ ווארפען אים אין גרוב אריין אונ אין דעם גרוב איז ניט גוועזן קיין וואסר נאר נחשים ועקרבים : יוסף בלייבט שטיין אויף זיינע פוס ער פילט זיך אין זיינע ביינר . ער זאגט איך לויב דיך גאט . מיט צארן בין איך אראפ גווארפן גווארן , איך הב גמיינט מיינע ביינר ווען פר שפרייט ווערן וויא איין צוא בראכנר ערדנער שערבען היינט זעה איך אז דוא אלמעכטיגר גאט האסט מיר גהאלפן . דוא האסט גהיט אלע מיינע ביינר עס איז קיין אייציגס פון מיר ניט צו בראכן גווארן . נאר איך שרעק זייער פאר די ברענדיגע שלאנגן פון אירי ברענדיגע גופטין . גאט מיין גאט פאר שלים אירע מיילער זיי זאלן מיך ניט מיט זייערי גופטן ממית זיין . איך בעט דיך גאט ברענג מיך ארויף פון דעם גרוב איך זאל מיך אונ קערן צו מיין פאטר לעבעדיגר היינט צו דיר האפן אלע : פונה ער קערט זיך אום צו דיא ברענענדיגי שלאנגן אונ זאגט איך בשווער אייך ביא גאט אין הוטל איר זאלט ניט גנענן צוא מיין פלייש אונ ביינער אונ מיט דיא גופטן פון אייער מויל זאלט איר מיך ניט פאר ברענן איך בין דר זון פון אברהם וואס ער איז אין פייער גווארפן גווארן פון גאטס ווענן איך בין דר זון פון יצחק וואס ער הט זיין נשמה אפ גגעבן צו גאט ביי דר עקידה איך בין דר זון פון יעקב וואס ער האט זיך מיט איין מלאך גראנגלט אונ איז ניצל גווארן דם בשווער איך אייך חלילה איר זאלט מיך אן רירן :

ראובן זאגט צו די ברודער איך מוז אוועק גיין אונ איר ברודר חלילה איר זאלט אים ניט מיט אייערי הענט טויטן נאר לאזט אים

ליגן אין גרוב ווען ער מסלא פר הונגר שטארבן : ראובן גייט פון זיי
אוועק אונ פאר שפרייט די הענט צו גאט אונ זאגט פר קער דם הארץ
פון מייני ברודר זיי זאלן מיין ברודר יוסף קיין שלעכץ טאן אונ איך
זאל אים צו מיין פאטער ברענגן :

האחים אלע ברודר זעצן זיך עסען אבער יהודה עסט ניט אונ הייבט
אן צו וויינען אונ זאגט איך בעט דיך גאט מיין גאט אונ גאט
פון מייני עלטערען ווארום זאל היינט פעלען איין שבט פון ישראל
אונזר פאטער . יהודה שווייגט אביסול אונ זאגט איך הב זייער שטארק
חרטה מיר האבן מיט אונזר איילענדיקייט זייער שלעכט גטאן וואס
מיר האבן גפאלגט אונזער ברודר שמעון אונ האבן מבטל גוועזן דעם
ברית פון ברודר שאפט . שמעון זאגט ברודר יהודה דוא ביסט איין
איש חכם פון דיינר יוגענד אן אבער אזו איין פאר קערטער מענש
ווי דו ביסט האב איך אין מיין לעבן ניט גזעהן דוא ביסט גלייך אזו
ווי די חולאת וואס הייסט קדחת פלוצלונג ווארפט זיא דעם מענשן
אריין אין היץ ווארפט ער פון זיך אראפ אפילו דאס הונטערשטי העמד
אינ פלוצלונג ווערט אים קאלט הייבט ער אן צו צוטרין מיט אלע
אברים אונ שרייט דעק מיך צו מיט בעט גוואנט ווי ווייט איר קענט .
אזו דו ברודר יהודה אז עם קומט דיר אן דיין כעס אויף איין מענשען
וואלסטו גערין אים אין טופן גרוב גבראכט דר נאך אז עם גייט דיר אפ
דר כעס וואלסטו גערין אים אוף דעם הימל גבראכט . וואס זאגסטו
איך בין שולדיג פאר ווארדען מיט דיין חכמה האסטו אונז גוויזען אין
ווס פר איין גורל מיר שטייען ווען זייני רכילות : יהודה זאגט הער צו
ברודר דר וואס האט איין שטיינידיג הארץ דר שטייט תמיד אין איין
שטאנד אבער דער וואס האט איין הארץ פון פלייש דער בדענקט זיך
דרום האבן די חכמים גזאגט איין רפואה צו דעם יצר הרע אז ער רעט
אן דעם מענש איין עבירה צו טאן זאל ער אפ קערין וואס ער זאלט
גזאגט אז ער זאל זעהן איין אנדרין מענש טוען די עבירה וואלט ער
גוויס גזאגט אז ער איז איין בוגד אודר איין פושע דר מיט פאר מיידט
ער זיך פון דר מעשה פון דעם יצר הרע . למשל אז מיר זאלן זעהן אז
ברודר נעמן זייער אייגנים ברודר אונ ווארפן אים אין גרוב אריין
נקיט אונ בלוז וואלטן מיר פר גוויס גזאגט אוף זיי אז זיי זענען פושעים
גאר ניט קיין מענשן נאר חיות רעות פון דעם וואלד . היינט אז מיר
אליין האבן גטאן די מעשה דארפן מיר זיך זייער שעמען פר גאט אונ
חרטה האבען אונ מתודה זיין וועט אונז גאט ברוך הוא מוחל זיין

אבר ניט מיר זאלן נאך זאגן אז מיר האבן רעכט גטאן ! יששכר מיט די בני השפחות זאגן אונזר ברודר יהודה זאגט רעכט נאר מיר קאנן נאך פר רעכטן דיא מעשה . די הענט וואס האבן אים אין גרוב גווארפן די הענט קאנין אים ווידר ארויס נעמן . באופן אז ער זאל ניט דר ציילן פאר אונזר פאטר . לוי זאגט ברודר ווען מיר וועלן אים אום קערן צוא אונזר פאטר וועט ער תיכף דער זעהן אז זיין פנים איז פר ענדרט אונ וועט אים פרעגן אונ וועט אים בשווערן מיט די הארבסטי שבועות אז ער זאל אים דעם אמת זאגן וואורום אונזר פאטר ווייסט וואול אז ער איז ניט קראנק וועט ער בוודאי מוזין דר ציילן זיין ביטר הארץ נא וואס פר איין סוף וועלן מיר האבן פון אונזר פאטער ער וועט בוודאי מיט זיין צארן אונז אוועק שטויסן פון דר ירושה . אונ אפשר נאך שעלטן אזו ווי נח הט גשאלטן זיין זון כנען וועט בוודאי זייני חלומות מקוים ווערן דרום איז שון ניט מוגליך די מעשה וואס מיר האבן גטאן צו פר רעכטן :

והנה ווי זיי ריידן אזו האבן זיי דר זעהן ווי איין חברותה ישמעאלים קומן . זאגט יהודה גלובט איז גאט ברוך הוא וואס ער האט אונז צו גשוקט איין רפואה צו דר מכה וואס מיר האבן אין אונזר הארץ . די ישמעאלים קומן פון לאנד גלעד אונ זיי גידערין קיין מצרים צו פאר קופן זייערי סחורה . איז מיין דעה מיר זאלן אונזר ברודר יוסף צוא זיי פר קופן פר אקנעכט אונ דאס איז איין גזעץ דר וואס קיין מצרים ווערט פר קופט פר איין קנעכט דער קאן שון פון דארטן ניט צוא ריק קומן וועלן מיר אים פטור ווערן . האחים די ברודר זאגן ווי קאנן מיר אים פר קופן עס איז אונז איין בושה צו פאר קופן איין ברודר פאר איין קנעכט אונ די סוחרים וועלן אים גאר ניט וועלן קופן :

יהודה זאגט ווס האט דם צו אייך איך וועל אים פר קופן איר זאלט גאר שווייגן . האחים די ברודר אלי זאגן הלואי דו זאלסט מצליח זיין ! יהודה מיט זיינע ברודר גנענן צום וועג אין יהודה רופט צו די ישמעאלים אונ זאגט פריד צו אייך ברודר זיי ענטפערין אים גאט זאל דיך בענשן יהודה זאגט מיר דאכט איר זענט סוחרים ב׳ ..נים זאגן זייא דו זאגסט רעכט יהודה זאגט קופט ביי מיר איין גוטע סחורה פר ווייניג געלט איך שווער אייך אז עס איז זייער איין גוטי סחורה דר [illegible] זאגט וואס איז די סחורה . יהודה זאגט דיא סחורה איז איין קנעכט איין יונגר איין שיינר פארשון אונ איז זייער קלוג. זאגט דר מדיני איך האב דם ניט גגלייבן איך זעה אז איר זענט אנשים חשובים ווי גשוקט

זיך אז איר זאלט פר קופן אזו איין קנעכט ווי דו לובסט אים . עס קאן אנדרש ניט זיין נאר ער מוז האבען איין פאר בארגנם מום אודר קלעכטי זאכן וואס גפונט זיך צווישן קנעכט : יהודה זאגט דא שווער איך אז דר קלענצטר מום פון די זאכן גפינט זיך אין אים ניט נאר איין קלייניר פעלר האט ער וואס ביי אונז איז דם יוא איין פעלר אונ ביא אייך איז דאס ניט קיין פעלר . זאגט דר מדיני וואס איז דער פעלר . יהודה זאגט איך וועל דיר זאגן . מיר אלי זענן ברודר . אונ דר קנעכט איז מיט אונז אין איינם דר צוגז גוואורן אונ ער איז באמת איין גרוסר בריה איין קלוגער אונ איין איש מצליח נאר פון צוויי יאר האט ער באקומן איין שגעון אונ זאגט ער איז אוך אונזר ברודר . איין מאל זאגט ער דם מיט כעס ווען מיר הייסן אים גיין צו דר ארבייט איז ער מעיז פנים אונ זאגט וואס הט איר מיט מיר צוא שאפן מיר זענן אלע גלייכי ברודר פון איין פאטר . אונ אמאל זאגט ער דם מיט גלעכטר אונ אמאל מיט גוויין אונ גבעט . האבן מיר גפרעגט די רופאים וואס זאלן מיר טאן צו דעם שגעון האבן די רופאים גזאגט עס איז ניט פר האנדן קיין שום רפואה צוא דעם שגעון נאר איר זאלט אים שלאגן אדר איר זאלט אים פלוצלונג דר שרעקן : והנה פון עטליכע טעג האבן מיר מקבל גוועזן אוף אונז מיט איין הארבע שבועה אז מיר זאלן ניט שלאגן קיין קנעכט פון אונזערע קנעכט איבר איין אנדרי סיבה ווס הט אונז גטראפן . אונ היינטוגן טאג האט ער שון ניט איין מאל אונ צוויי מאל מעיז גוועזן מיט דיא ווערטר האבן מיר גפרובט אונ האבן אים אין גרוב אריין גווארפן כדי ער זאל זיך דער שרעקן אבר דאס העלפט אוך ניט ער שרייט פון דעם גרוב אוך די ווערטר דרום האבן מיר איין עצה גהאלטן אים צו פאר קופן . אונ ווען ער וועט ביי אייך אוך אזויא שרייען וועט איר אים שלאגן וועט ער גווים דעם שגעון אוועק ווארפן . אבר איך ווייס גווים אז ער וועט דיא ווערטר אייך ניט זאגן אונ חוץ דעם שגעון איז אזו איין קנעכט ניט צו גפונן אין דר גאנצר וועלט . די מדינים זאגן עס איז איין ווינדר פון גאט :

הגדול דר עלצטר פון די מדינים זאגט . איך האב שון פיל זעלכי זאכן גזהן אונ גהערט עס טרעפט זיך איין מענש וואס ער איז איין חכם גדול אונ ער רעט זיך איין שגעון ביז איין צייט אונ דר נאך פאלט אים אפ דר שגעון . המדיני די מדינים זאגן ווי איז ער ווייזט אים נאר . האחים די ברודר גייען צום גרוב מיט שטריק אום ציהן יוסף פון דעם גרוב אונ ווארפן אים אריין די שטריק אונ יהודה זאגט צו יוסף

נעם די שטריק אונטער דיין ארום מיר וועלן דיך ארוף נעמן. יוסף פרייט זיך זייער אונ זאגט איך דאנק אייך ברודר וואס איר האט זיך איבר מיר מרחם געוועזן איר זענט אוף מיר ברוגז געוועזן אבר גאר אוף איין קליינע ווילע היינט ווייס איך וואס ברודר זענען אונ איך שווער אייך ביי גאט ב"ה אז ואיך וועל ניט דער ציילן פר מיין פאטר וואס דא איז געשעהן. די ברודר שווייגן שטול אונ נעמן אים ארוף אונ פירן אים צום וועג ווי די מדינים שטייען אונ יוסף זאגט ווי אהין פירט איר מיך בעסר פירט מיך צוא מיין פאטר:

יהודה זאגט ניין דו וועסט מער ניט קומן פר אונזר פאטר. יוסף שרייט אוי וויי געשריגן אוף מיר איך הב גמיינט אז זיי ווילן מיך צוא מיין פאטר פורן אבר היינט זעה איך אז זיי פורן מיך צום טוט בעסר האט איר מיך געלאזט לאזן אין גרוב איך זאל דארטן זעלבסט שטארבן: יהודה זאגט איך שווער דיר ביי גאט אז מיר וועלן דיך ניט טייטן נאר מיר וועלן דיך פר איין קנעכט פר קויפן צו די מדינים וואס שטייען אוף דעם וועג: יוסף זאגט וויא געשריגן אוף מיין לייב איך ווינש מיר דעם טוט גאר לובליך איידר איך זאל גיין אין דר שביה: יהודה זאגט ווארום ווינשסטו דיר דעם טוט ברודר אז דוא וועסט ביין הערן געטרייא דינן וועט דיר בוודאי גוט זיין איך שווער דיר אז דוא וועסט ניט זיין אייביג קיין קנעכט עס וועט קומן דיא צייט וועלן מיר דיך אום לייזן אפילו עס וועט אונז קאסטן אגוזמא געלט דען מיר האבען חרטה אוף דר מעשה נאר דו בוסט אליין שולדיג איבר דייני רכילות האסטו דיר געמאכט אגרוסי שנאה בייא אונז דאס כל זמן אונזר פאטר וועט לעבן קענן מיר דיך ניט אהיים ברענגן. יוסף זאגט וויא איז מיר מיין זון גייט אונטער אין מיטן טאג דם שונקייט פון מיין פאטרס פנים וועל איך שון מער ניט זעהן. ברודער לאזט מיך אפ איך שווער אייך אז איך וועל פר מיין פאטר גאר ניט דר ציילן יהודה זאגט אזו ווי דר געבטיגר טאג וועט זיך ניט צוא ריק אום קערן אזו קאנסטו מער ניט אהיים קומן אונ רייד גאר דר פון ניט:

ויביאהו זיי ברענגן אים פר די מדינים אונ זאגן דם איז דר קנעכט יוסף בוכה יוסף וויינט זאגט דר עלסטר מדיני צו אים וואס ויינסטו זאגט יוסף וויא זאל איך ניט וויינן איז דען דם געהערט געווארן אז אייגינע ברודער זאלן פר קופן איין ברודער פר איין קנעכט, דיא מדינים הייבן אן צו לאכן אונ זאגן צו יוסף מיר זענן אוך דייני ברודר יוסף זאגט ניין איר זענט פרעמדע איך קאן אייך גאר ניט. אבר דיא

װען מײני ברודר פון אײן פאטר . דער מדיני זאגט װארום זאגסט
נאר פון אײן פאטר פר װאס ניט פון אײן מוטר יוסף זאגט װאס זאל איך
זאגן יונג הקנאי זאל מען מיר גלײבן דעם אמת . די מדינים װאונדרן
זיך אונ זאגן אײנר צום אנדרן עס איז נאכט װאונדר װי ער רעט
אזו קלוג װי אלי מענשן :

המדיני דר עלצטער מדיני זאגט צו יהודה װאס װילט איר פר דעם
קנעכט זאגט יהודה דרײסיג שקלים זאגט דר מדיני יוא עס
איז רעכט װען דר קנעכט הט אין זיך קײן פעלר אבר דר קנעכט הט
אין זיך אײן שגעון װער װײסט װאס פר אײן שגעון ער װעט האבן
מארגן . װען איר װילט פר אים צװאנציג שקלים נעמט . װארום מיר
האבן ניט צײט . יהודה זאגט נעמט אים פאר דעם געלט . אונ די
מדינים צײלן אפ צװאנציג שקלים אונ נעמן יוסף אונ גײאן מיט אים
אװעק יוסף זאגט הערט צו מײני לובי העררן פאלגט מיך פירט מיך
צו מײן פאטר ער װעט אײך געבן פר מיר פיל געלד . װארום ער הט
מיך זײער ליב הגדול דר עלצטער שרײט אן אויף אים אונ זאגט װי אז
דו װעסט נאך רײדן דר פון װעלן מיר דיך בװדאי שלאגן. יוסף זאגט איך
װעל שון שװײגן ויהי װי עס איז געקומן מארגן פריא זענין זײ געקומן
נאהונט צו רחלס קבר זאגן דיא מדינים דא איז אײן גוט אורט צו
פאשן די קעמליך אונ האבן זיך געשטעלט אפ רואן אונ יוסף זאל היטן
די קעמליך אונ האבן זיך געלײגט אפ רואן אונ גאט הט אויף זײ אן
געשוקט אײן הארטן שלאף יוסף זאגט איך װעל גײן אויף מײן מוטרס
קבר מאמר װעט זיא מיר עפס העלפן װארום זיא איז געװעזן אײן
גרויסי צדקניות . ער פאלט אויף איר קבר אונ זאגט פריד צו דיר מײן
ליבע מוטר װאס דו האסט מיך געטראגין דײן זון יוסף איז פר קופט געװארן
פר אײן קנעכט דר מאן זיך נאר װיא לאנג האסטו דיך געװענד צו די
שערי רחמים מיט דײני הײסי טרערן אונ תפלות ביז דו האסט אום
געבעטן אײן קונד צו האבן אונ גאט ב"ה האט דיר געגעבן אײן זון .
אײן טײערן זון האסטו אים גרופן . אין דײן שוס האסטו אים געהאלטין
אונ האסט זיך תמיד מיט אים משתעשע געװען אונ הײנט איז ער
אקנעכט אונ פורט צעהן קעטליך ער גײט דעם גאנצן טאג בארװיס
װארום האסטו אזו מרעיש עולמות געװעזן לובע מוטר פרומי מוטר רח
האסט מיך איבר געלאזט בײ מײן פאטר אונ ער הט מיך זײער ליב
ער האט מיט מיר מער תורה אונ חכמה געלערנט װיא מיט מײני
ברודר דרום האבן זיא אויף מיר אײן שנאה געװארפן אונ האבן מיך

פר קופט פר איין קנעכט . ליבע מוטר לוף אונ דער וועק אונ קלאג
אן אין די שערי רחמים טאטר וועט זיך גאט איבר מיר דר בארמן .
אז איך זאל ווידר קומן צוא מיין היילינן פאטר ער זאל מיר ווייזן
דעם גוטן וועג צו גאטס דינסט איך בעט דיך ליבע מוטר טוא ניט פר
געסן אן מיר שריי אונ וויין פר השם יתברך ער וועט גווים אום העכן
דיין גבעט אונ דיין גוויין ער וועט גדענקן דם גנאד וואס דוא האסט
געטאן מיט דיין שוועסטר לאה דם איז די מוטר פון מייני ברודר אונ
וועט מיך אוס לייזן פון אלי מייני צרות אמן סלה :

והנה ווי יוסף ליגט אוף דעם קבר הערט ער איין קול מיין ליב קינד
זיי וויסן אז איך האב שון פון דעם וואס עס טוט זיך מיט דיר
פריער גוויסט אונ מיין הארץ איז פר ביטרט וועגן דיין גשריי אונ זיי
וויסן אז איך האב גהערט איין קול פון דעם הימל אונ הט מיר מבשר
גוועזן אז דו וועסט גרוס גדולה האבן אונ דו וועסט אין מצרים איין
שליט ווערן אונ דייני ברודר וועלן זיך צו דיר בוקן אונ דייני חלומות
וועלן אלי גווים מקוים ווערין נאר דו מוזט פריער ליידן אונ דר נאך
וועסטו גרוס גדולה האבן . דרום נעם אן מיין ליב קינד גאטס שטראף
אונ גייא מיט גאטס נאמן :

אחד איינר פון די מדינים הט זיך אוף גכאפט פון זיין שלאף וועגן
דאס גוויין פון יוסף אונ זעהט וויא יוסף שטייט לעבן איין שטיין
אונ רופט מוטר וועקט ער אוף די איבריגע . זיי זעהן אלע וויא ער
שרייט אזוי זאגן זיי אלי גלויבט איז גאט ב"ה וואס ער טוט איז רעכט
זעהט ווי גאט הט אונז צום נארן גמאכט דיא גאנצי וועלט וועט אונז
אוס לאכן מיר האבן גמיינט אז ער האט נאר איין שגעון היינט זעהן
מיר אז ער איז גאר משוגע היינט רופט ער צו איין שטיין מוטר אונ
מארגין וועט ער רופן צו האלץ פאטר ויגערו בו זיי האבן אים אן גשריגן
אונ ער נייט גלייך צו די קעמליך אונ זיי פירן אים גלייך קיין מצרים
אונ האבן אים פר קופט צוא פוטיפר סרים פרעה שר הטבחים :

ראובן קומט צו ריק צו דעם גרוב ער זעהט יוסף איז ניט דא זאגט
ער צו די ברודר . יוסף איז ניט דא וויא קאן איך קומן צוא
מיין פאטר : יהודה זאגט מיר וועלן דיר זאגן דעם אמת מיר האבען
אים פר קופט צוא דיא מדינים אונ זיי האבען אים גפירט קיין מצרים :
ויספוק ראובן קלאפט זייני הענט אונ זאגט ווי גשריגן אוף מיר אונ
אוף אייך ווי וועלן מיר קאנן צו זעהן דעם צער פון אונזר פאטר ווי
קאנן מיר האבן איין פר שייטן פנים צוא זאגן פאר אונזר פאטר מיר

גדולת יוסף

האבן אים ניט געזעהן איך זינג מיר דעם היינטיגן טאג דעם טוט ווי געשריגן אוף אונזערע יארן צוא טאן אזו איין מעשה. ברודר ברודר
זייער שלעכט הט איר געטאן:

ראובן שווייגט אביסיל אונ פון זייני אויגן רונין טרערין אונ זאגט ברודר זייער שלעכט האט איר געטאן היינט גוט איין עצה וואס פר איין תירוץ וועלן מיר זאגן פר אונזער פאטר אז ער זאל אונז ניט חושד זיין בפרט ער ווייסט וואול אז מיר האבן אים פיינט געהאט. שמעון זאגט מיר האבן שון איין תירוץ פאר אונזער פאטער. מיר וועלן שעכטן איין ציקעלי וואס זיין בלוט איז גלייך צום בליט פון איין מענשן אונ וועלן איין טונקין דס זיידינע העמדיל אין דעם בלוט אונ מיר וועלן עס צו שטעבן וועלן מיר זאגן איין חיה רעה האט אים אוף גיגעסין:
אונ זיי טוען אזו. יהודה נעמט דס העמדיל אונ גייט מיט אלי ברודר צום פאטר מיט איין טרויעריג פנים ויאמר זאגט יהודה דס האבן מיר גפונן דר קאן אוב דס העמדיל איז פון דיין זון אודר ניין יעקב זאגט מיט גרוס דר שרעקניש ווי מיר אוף מיין בראך ווי האט איר דס גפונן:
יהודה זאגט מיר האבן דס גפונן אין וואלד אין דעם וועג פון שכם אזו ווי דו זעהסט איין גישטורט אין בלוט מיר האבן אוך אוף דעם אורט געזעהן פיל בלוט מיר האבן זיך זייער דער שראקען אונזר הארץ איז גוואורן צו גאנגן מיר האבן דארטן גזוכט טאמר וועלן מיר גפונן עפיס
פלייש אודר ביינר מיר האבן אבר ניט גפונן:

יעקב זאגט שטורער הייט אוי וויא דאס איז דס העמדיל פון מיין זון איין חיה רעה האט אים אוף גגעסן ויקרע יעקב צו רייסט זייני קליידר אונ טוט אן איין זאק אוף זייני לענדן אונ שרייט איין יעמערליך געשריא אונ וויינט אונ זאגט יוסף מיין זון בעסר וואלט איך געשטארבן פר דיר יוסף מיין קינד. רופט מיר די קלאגר זיי זאלן קלאגן אוף אונז ווי קאן איך מיך טרייסטן אז מיין הארץ איז אום גריסן געווארן וואס טוג מיר שון מיין האב אונ מיין גוטץ אז דס רעכטי אונ פון מיין קאפ איז געווארן צו חיות פון דעם פעלד, יוסף מיין זון איך האב דיך דר צוגן מיט זייער פיל טרערין אבר היינט האבן זיך דר פון גזעט די פאר שייטי חיות פון דעם פעלד איך בין אליין שולדיג וואס איך האב דיך אליין געשוקט. יוסף מיין זון איך האב געזעהן אין חלום אז דוא וועסט מיך שפייזן אוף דר עלטר אבר היינט האבן זיך געשפייזט די חיות פון דעם פעלד. או ווי געשריגן דר הימל איז פאר שפרייט געווארן אוף דר גאנצר וועלט פר איין גצעלט ווי איז אין דיין גצעלט פר גאסן געווארן

גדולת יוסף

מיין קונדם בלוט. ערד ווי האסטו געפינט דיין מול ואיין צו שלונגען דם בלוט פון מיין זון יוסף. מיין זון יוסף עס הט זיך דיר נחלומת אז די זון אונ די לבנה בוקן זיך צו דיר אבר היינט הט די זון גמאכט לייכטן איר לעכט אוף דיין באטריבונג אונ הט גמאכט צו שמעלצין דם איבריגע בלוט וואס די חיות האבן ניט אוס גלעקט אונ דיא לבנה הט מיט איר קעלט פר גליווערט דם בלוט. נאר גאט מיין גאט אונ גאט פון מיינע עלטערן איך ווייס אז דר היטל אונ די זון אונ דיא ערד זענן אלי אין דיין האנט זיי מוזן האלטן דיין געזעץ נאר איך האב דם גורם געווען מיט מיינע שלעכטי מעשים דרום בין איך גשטראפט געווארן אבר דו גאט ביסט גרעכט:

ויפול יעקב פאלט צוא דר ערד אונ בלייבט שטול וויא איין שטיין. קומט יהודה אונ הייבט אוף זיין קאפ. וישא אונ יעקב הייבט אוף זיין קול אונ שרייט רחל רחל מיין עקרת הבית פערצן יאר האב איך פר דיר גדינט פיל טרערין אונ געוויין הב איך פר גאסן פאר גאט ביז ער הט מיין תפלה אן גנומן אונ הט מיר געגעבן איין טייערין זון ער איז בייא מיר געווען דאס רעכטי אוג איך הב מיט אים גלערינט תורה אונ מצות אונ חכמה אונ האב אים מדריך געווען בדרך הישר היינט בין איך דיר מבשר אז מיט זיין כשר פלייש אונ בלוט האבן זיך געזעט דיא ווילדע חיות אונ דאס איבריגע בלוט איז געגעבן געווארן צו דר ערד פאר איין פקדון. ויקומו עס זענען אוף גשטאנען אלי זיינע זון אונ טעכטער צוא טרייסטן אים. זאגט יעקב איך וועל מיך ניט טרייסטען ביז איך וועל שטארבן איר מאכט נאך מיך טרויעריגר אזוי וויא איינער וויל פאר לעשען פייער מיט שטרוי דיא קינדער גייען פון אים אוועק:

ויוסף אונ יוסף איז ווארן גנודערט קיין מצרים אונ פוטיפר הט אים גקופט אין יוסף האט גרוס חן בעקומן בייא פוטיפר האט אים פוטיפר גמאכט פר דעם עלטסטין אין זיין הויז. אונ פוטיפר הט גהאט א ווייב זי הט גהייסן זליכה זיא זאגט צו יוסף זעצט דיך אוף דר שטול זאגט יוסף עס איז ניט שיין מיין ליבע הערינטע אז איך זאל ביי אייך ווצען ווארום איך בין אייער קנעכט איך באדארף אייך בייא דינען. זאגט זליכה הער צו דיר שטייט אן אז דו זאלסט איבר אונז זיין איין הער אבר ניט איין קנעכט ווארום דריי זאכען גוועלטיגן אוף דר וועלט דר אמת אונ דר שכל אונ דר יושר אונ אין דיר געפינן זיך אלי דריי אכן דרום הט מיין מאן דיר מוסר געווען נאר זיין האב דר וואס רוגט

דיך קנעכט דער איז גוים איין נאר . יוסף בוקט זיך אקעגין איר אונ זאגט איך דאנק דיר פר דייני גוטע רייד איך בין דיין קנעכט נור וען דיין רצון איזאיך זאל מיך זעצען וועל איך זיך זעצען . אונ יוסף זעצט זיך אונ זיא זאגט צו אים מיין בוטר הארץ וועל איך דיר דער ציילן גאט הט מיר מגלה גוועזן איין סוד אז מיר ביידע וועלן פר זיך ניט טראכטן וועלען מיר חס ושלום אריין פאלן אין איין צרה געכטן פרי בין איך גשטאנן אין מיין הויף אונ אקומט מיין שטוף זון שטייט אין טויער אונ בארום זיין גזעלן קומט צו אים אונ זאגט פריד צוא דיר מיין גזעלן . אקומט ענטפערט אים אויך פריד . זאגט בארום צו אקומט פאר וואס האבטו איין שלעכט פנים וואס האסטו צוא זארגן דיין פאטר איז איין גרויסר עושר אונ דוא ביסט דאך איין בן יחיד ביי דיין פאטר . זאגט אקומט ווייל מיין פאטר האט גאר זיין האב אפ גגעבן צוא זיין וויב אונ צו זיין נאמן יוסף אז איך בעדארף עפס מוז איך ביי זיי בעטן . זאגט בארום העער צו מיין ליבר פריינד דיין פאטר איז שון אלט אונ דיין שטוף מוטר הט מיט אים קיין קינדר ניט דיין פאטר וועט באלד שטארבן וועסטו אראפ נעמן דיא מאכט פון דיין שטוף מוטר אונ פון יוסף אונ וועסט זעלבסט גוועלטיגן אין דעם גאנצן עשירות . ויאמר זאגט אקומט דו גיסט מיר ברוט אן ציין ווארום וען וועט דאס זיין זאגט בארום איך האב געהערט זאגן ווס מען איז מיין הונגריג הט מען מיין תענוג פון דעם עסין אזו דוא וועכט שפעטער נעמן די ירושה וועסטו מיין הנאה האבן . ויאמר אקומט זאגט דו האסט מיך גטרייסט אז דיא צייט וועט קומן וועל איך שון וויסן ווס צו טאן מיט מיין שטוף מוטר אונ מיט דעם נאמן יוסף בבן זעה אין וואס פאר איין שלעכטין מעמד מיר שטייען נאר איך האב געהערט פון מיין מאן אז ער הט גזאגט אז גאט זאל געבן אז איך זאל אים איין קינד האבן וואלט ער גאר זיין עשירות אפ גיגעבן פאר זיין לעבן צו דעם קינד ווארום ער הט זיין זון אקומט זייער פיינד דר פאר וואס ער פירט זיך אין שלעכטן וועג בהיום איז מיין מאן זייער אלט טאטר וועט זיך גאט ברוך הוא דער בארמין אונ מיר וועלן האבן איין קינד וועט ער גאר דאס עשירות אפ נעבען דעם קינד :

יוסף הערט דער שראקן פון וועגען אירי רייד אונ ענטפערט איר מיט גרוס חכמה אונ זאגט איך ווייס שון פון לאנג אז איר זענט איין גרוסי חכמה מיר דאכט אז מיין הער הט מיט אייך דס גמוטכט שמיסן אז איר זאלט מיך פריבן אוב איך וועל בלייבן ביי דר אמונה . אבר

איך וועל דך ניט טאן דס איז איין גרוסי זונד פר גאט : זליכה זאגט עס ווינדרט מיך אוף דיר אזו איין חכם ווי די ביסט זאלסט ניט פאר שטיין אז איך בייד דאס מחמת מיין ביטר הארץ וויל איך הב מורא פאר דעם שטוף זון אקומט . זאגט יוסף גיין אונ גייט אוועק אום איר חדר . ויהי עס קומט מארגן פרי יוסף גייט פון דעם הוז אין הוף ארין קומט זליכה אונ שטעלט זיך קעגין אים אונ זאגט יוסף איך קאן שון מער מיין ביטר הארץ ניט ליידן איך האב גטראכט ווס קאן פון אונז דר סוף זיין ווס טראכסטו דיר דוא מיינסט איביג וועט אזו זיין איך בין דיר מודיע אז עס וועט גווים קומן די צייט אז דר הער וועט אפ שטארבן אונ אקומט וועט ירשנן וועסטו מוזין עסן ברוט מיט וואסר אונ וועסט מוזין גיין אין צוא ריסינע קליידער אונ וועסט מוזין טאן שווערי ארבייט אדר אז דוא וועסט מיך פאלגן וועט בעסר זיין , יוסף זאגט פון מיין יוגינט אהן בין איך אלץ איין גאטס פארכטיגר מענש אונ ליבר איז מיר צו טאן שווערי ארבייט אונ צו גיין אין צו ריסענע קליידר אונ לאזן באנוגין מיט ברוט אונ וואסר איידר צו פר פלעקן די נשמה מיט זונד . וועל איך קיין מנוחה האבן לעולם הבא . ווארום וואס איז גאר דעם מענשנס לעבן אוף דר וועלט נאר אזו וויא איין שאטן אודר איין חלום אונ גייט פון איר אוועק :

ובהגיע אז עס איז גקומן איין פייער טאג פון דיא מצרים זענן אלי גגאנגן צו די גרוסי במה זאגט פוטיפר צו זיין ווייב קום מיר וועלן גיין צו דר במה . ותאמר זי זאגט צו אים גיא אליין מיט פריידן איך קאן ניט גיין אוף מיינע פוס מיין קאפ טוט מיר וויא : איך וועל אין מיין בעט ליגן טאמר וועל איך קאנן שלאפן . האדון דר הער זאגט צו יוסף מיין גטרייער דינר גיי ארין אונ זיץ דא ביז מיר וועלן קומן פון דר במה דר וויל קאנסטו חשבונות צו רעכט מאכן , האדון דר הער מיט דעם גאנצן הוז גזונד זענן גגאנגן צוא דר במה אונ יוסף נעמט זיין שרייב טאבל אונ זעצט זיך רעכנן . ותבא זליכה קומט אונ חאפט אים אן ביי זיינע קליידר אונ זאגט דו בוקט אצונד אין מייני הענט אלי זונד זאלן פאלן אוף מיין קאפ : וימהר אונ יוסף איילט אונ לאזט די קליידר ביי איר אונ לויפט אוף דר גאס וויא זיא זעהט אז ער איז אנטלאפן אונ די דינסטן זענן גקומן פון דר במה רופט זי די שפחות ווס זיי הייסן מיט זייערי נעמן עדינה עלוקה אונ תפתה גשווינד קומט אהער צו מיר . זיי קומן אלי דריי זאגט צוא זיי זליכה גשווינד רופט מיר די רופאים זיי וועלן מיר אדר שלאגן ווארום מיין הארץ איז מיר

צו נאגן . די שפחות פרעגן וואס איז דיר אונזר הערינטי . זליכה זאגט ווי מיר דער בונגר האט מיך פלוצלונג דער שראקן איילט געשווינד עס איז אויף מיר טווט דר שרעקעניש געפאלן דיא שפחות זאגן ווער איז דר בונגר זאגט זליכה דאס איז יוסף אונזר קנעכט וואס אונזער הער הט אים געבראכט צו שפעטין אום אונז איר אלע ווייט אוועק געגאנגען צו דער במה אונ איך בין נעבך אוף מיין גלעגער גלעגין קומט צו מיר דר בונגר אונ איך דר שרעק מיך זייער אונ זאג צו אים עס שוקט זיך ניט אז דוא זאלסט אום מיר שפעטען האב איך פר גרום דר שרעקעניש זייער אן גהובן צו שרייען אזו האט ער מורא גהאט אונ איז אנטלאפן אונ הט איבר גלאזט זייני קליידר פר דר שרעקעניש . דיא שפחות זאגן ווארום זאל ער דען דס ניט טאן פר וואר אונזר הער האט אים מוסר גוועזן גאר זיין האב מיט זיין גוטס אזו מיינט ער . ער איז דר הער ? זליכה זאגט ווס זאל איך טאן איך ווייס אז איך וועל פר אים דר ציילן יעט ער גאר ניט וועלן גלייבן דרום בעט איך אייך אז איר זאלט אויך זאגן אז ער האט אייך כמה פעמים אן גרעט טאמר וועט ער אונז אלי גלייבן . די שפחות זאגן מיר וועלן געוויס אזו זאגן ווארום פון דר צייט וואס יוסף הט אן גנומן דיא ממשלה גוט ער אוף אונז שווערי

ערבוט גלובט איז אונזר גאט עס איז געוויס געקומען זיין סוף :
תאוין דר הער פוטיפר קומט פון דר במה אונ זליכה ליגט אוף איר בעט

זיא קרעכצט אונ זופצט אונ ער קומט צו איר אונ זאגט נאך ליבסטו אונ וואס קרעכצסטו . זיא שווייגט . ער זאגט וואס שווייגסטו ביסט קראנק זאג מיר איך וועל דיר אלי רפואות פון גלעד ברענגן איך וועל מיין האב אין גאנצן פר דיר אפ געבן . זליכה זאגט ווס זאל איך דיר זאגן איך וואלט דיר דר ציילט דו וועסט מיר אבר ניט גלייבען זאגט פוטיפר ווארום זאל איך דיר ניט גלייבען מיין הארצען . זאגט זליכה איך וועל דיר דר ציילן חאטשי אין מענש איז ניט בגלייבט עדות צו זאגן ובפרט אוף זיך נאר דו בוסט מיין מאן וועל איך דיר דערציילן די חכמים האבן גזאגט אזוי ווי עס איז ניט מיגלך אז איין שטיק בליי זאל פליהן אין דער לופטן אזוי איז ניט מיגלך אז איין קנעכט זאל זיין איין ערליכר מאן פון די צייט אן וואס דו האסט מוסר גוועזן די ממשלה צו יוסף מיינט ער אז ער איז דער הער ווארום אז דו ביסט אוועק גנאנגן מיט גאר דיין הויז געזינד צו דר במה אזוי קומט יוסף צו מיר צו גיין האב איך אן גהויבן צו שרייען אזוי הט ער זיך דר שראקן אונ איז אנטלאפן אונ האט גלאזט זיינע קליידר אונ איך הייב אן צו

שרייאן צו דיא דינסטן זענן זיי אלי גקומן צו לופן . דו קאנסט זייא פרעגן . אונ זי הייבט אן פר אים צו וויינן אונ זאגט בין איך אנדרש ביי דיר איין ווייב ווי עס גהער צו זיין פאר טרייב דיין קנעכט יוסף וואָרום איך קאן שון ניט ליידן אז מיין קנעכט זאל פון מיר איין גשפעסט מאכן אלא אז דו האלסט מיט דיין קנעכט יוסף איז מיר ליבר דר טוט פון מיין לעבן :

האדון דר הער שווייגט ער גלייבט יוא אונ ניט . רופט זיך אן די שפחה עס זאל דעם הערין ניט פר דרוסן ווס איך רייד אונ מען הט מיך ניט גפרעגט אז מיר זענן גגאנגן פון דר בהמה האבן מיר גזעהן וויא יוסף איז ארוס גלאפן פון דעם הויז אונ מיר האבן גהערט דאס גשריי אונ כמה פעמים האט יוסף אונז אן גרעט אמאל מיט גוטן אונ אמאל מיט בייזן אונ דר פאר גאט ער אוף אונז שווערי ארבייט ווס מיר קאנען שון גאר ניט ליידן :

ויהי ווי דר פוטיפר הערט דיא רייד אזו ווערט ער זייער ברוגז אונ זאגט וויא איז דר בגד ברענגט אים אהער : וימהרו דיא קנעכט איילן אונ ברענגן אים צום הערן דר הער זאגט ווי גשריגן אוף דיר בוגד פר מיין גוטס ווס איך האב דיר גטאן אזו ווי איין פאטר זיין קונד אונ איך האב דיך גמאכט פר איין הער איבר מיין גאנצן הויז האסטו מיר אזו פיל שלעכטס בצאלט יוסף זאגט גאט זאל בצאלן דעם וואס טוט שלעכטץ אונ ווייטר וויל איך מער ניט ריידן. האדון דער הער זאגט דוא קאנסט נאך אזויא ריידן. נעמט אים אונ שלוסט אים אין קייטן אונ זעצט אים אריין אין דר תפיסה ביז מען וועט איין משפט ארוס געבן . ויקחו אונ דיא קנעכט נעמן יוסף אונ שלוסן איהם אין קייטן אונ פירן אים אין דער תפיסה אריין ווי ער איז גקומן אין דער תפיסה זאגט יוסף גלובט איז גאט איך האב גגעסין גוטי שפייז אונ איך בין גגאנגן אין זיידינע קליידר אונ איך האב גאר פאר געסן אז מיין ליבר פאטר גייט אין איין זאק אונ ליגט אין אש אונ טרויעריג דרום איז גאט גרעכט אז איך בין גקומן אין דר תפיסה כדי איך זאל מיך דר מאנן אן מיין פאטר בבואו ווי יוסף איז גקומן אין דער תפיסה נאר גאט מיט אים אונ ער גפונט חן ביי דעם שר בית הסוהר :

ויהי ווי עס קומט דר דריטר טאג זאגט דר שר בית הסוהר צו יוסף מיין פריינד איך זעה אז דוא בוסט איין קלוגר מאן אונ פירסט דיך גוט ווי קומט דאס אז דוא זאלסט וועלן אזו איין מעשה טאן מיט דיין הערונטע . יוסף זאגט צוא מיין הער דיא מעשה פון מיר

הערונטע. זי האט מיך אן גרעט אז איך זאל בייז טאן אונ איך האב
ניט געוואלט הט זיא אן גרעט די שפחות אז זיי זאלן עדות זאגן פאר
קערט. נאר מיך פאר דרוקט אזו איין קלוגר ווי פוטיפר מיין הער אי
זאל ער ניט דר קלערין דעם אמת:

דר שר בית הסוהר דער שרעקט זיך פון זייני רייד אונ זאגט ווי גשריגן
אוף אזו איין מעשה איך וועל בוודאי שמוסן מיט פוטיפר אונ עס
וועט דר קלערט ווערין דר אמת. דר שר בית הסוהר הט גפונן דעם
פוטיפר אונ זאגט איך האב מיט דיר עפס צוא ריידן. פוטיפר זאגט
רייד מיין פריינד ויאמר זאגט דר שר איך וועל דיר איין משל זאגן עס
האט זיך גטראפן איינר האט ער גפונן איין טייערן שטיין אונ האט
אים אוף גהאנגן אוף זיין הארצן איז גקומן איין שלעכטר מענש אונ
זאגט נאך וואס טראגסטו איין אוג פון איין ברענונדיגן שלאנג. דר
האט דעם שטיין אוועק גווארפן דער נאך איז גקומן איין איש מבין
אונ האט דעם שטיין אוף גהובן אונ הט אים גבראכט צוא דעם בעל
הבית וואס האט אים אוועק גווארפן אונ זאגט דעם שטיין פר מאגט
קיין מענש ניט צו בצאלן אונ דר מענטש ווס הט דיר גזאגט אז דר
שטיין איז איין אוג פון איין ברענונדיגען שלאנג ער איז אליין איין
שלאנג דר בעל הבית ווס האט אים אוועק גווארפן הט דעם מענטשן
זייער גדאנקט פאר דר טובה. אזו מיין הער דו האסט ביי דיר גהאט
איין טייערי כלי ביין קנעכט יוסף וואס אין דר גאנצר וועלט גפונד זיך
ניט אזו איין כלי נאך וואס האסטו אוף אים צו גהערט רכילות היינט
זאג איך דיר אז יוסף איז גרעכט אונ דיא וואס האבן אוף אים גרעט
זייא האבן זיך אן אים מקנא גוועזן אונ האט אים דר צייקט נאר דיא
מעשה. ויהי ווי דר הער פוטיפר הערט די רייד ווערט ער זייער דר
שראקן אונ זאגט איך וואלט גווים דם ניט גגלייבט נאר די שפחות
האבן עדות גזאגט אז ער האט זייא כבה פעמים אן גרעט. דר שר
בית הסוהר עס וואונדרט מיך אוף דיר דו ביסט איין חכם זאלסטו ניט
פר שטיין אז מען הט אן גרעט די שפחות אז זיי זאלן אזו זאגן פוטיפר
זאגט איך וועל גווים דער קלערין דעם אמת:

ויקח פוטיפר גייט אין דר קעך הערט ער אז די שפחות שמוסין גלויבט
איז גאט וואס ער האט אונז געהאלפן אז מיר זענן פון יוסף פטור
גווארן האבן מיר אפ רוא פון דער שווערי ארבעט. ויבא פוטיפר קומט
פלוצלונג אין שטוב אריין אונ זאגט מיהאט מיר שון מגלה גוועזן דעם
סוד נאר איך וויל פארט פרעגן וועט איר מיר זאגן דעם אמת ועט

איר בייא מיר זיין אום אלים גוטן ווען אבר ניט ווער איך מיך בוודאי אן אייך נוקם זיין :

ותתול עדינה פאלט פאר זייני פוס אונ זאגט איך זעה אז דר הער איז איין חכם וויא איין מלאך דרום וועלען מיר זאגן דעם אמת מען האט אונז גהייסן אזו זאגן אויף יוסף אונ מיר מוזין זיא פאלגין אבר חלילה אז יוסף האט בייז גטאן יוסף איז איין פרומר צו גאט אונ צוא מענשן : ויבא אונ פוטיפר קומט מיט צארן אונ שטעלט זיך קעגן זליכה אונ זאגט אז וויא גשריגן אויף דיר ווידר שפעניגערען קעגן גאט אונ קעגין מאן די רכילות זאגערין היינט קערסטו זיך צו שעמן דר קנעכט איז איין צדיק ער האט ניט גוואלט פעלשן אן גאט אונ אן זיין הארין האסטו נאך אויף אים רכילות אן גרעט אונ האסט נאך גוואלט אז איך זאל אים אום זונסט איין שלונגן :

וילך פוטיפר גייט אין דער תפיסה וויא יוסף זוצט אונ פאלט אים אויף זיין האלז אונ קושט אים אונ זאגט פריד צו דיר מיין טייערר פריינד זייא מיר מוחל וואס איך האב קעגין דיר גזונדיגט דו בוסט איין צדיק מיין ווייב הט אויף דיר פלשע רכילות אן גזאגט אונ איך בין נאר אמענש אבר ניט קיין גאט פון וואנן זאל איך וויסן ביי וועמן דר אמת איז היינט מיין קינד וואס קאן איך טאן זאל איך דיך ווידר צוא מיר נעמן אזו ווי פרוער האב איך מורא פר איר משפחה זיי וועלן אויף מיר אויף שטיין אונ וועלן מיך טייטען . דרום מיין קונד זוץ דא אונ פון מיין טיש וועסטו אלי טאג עסען ביז דער צייט וואס גאט ברוך הוא וועט זיך איבר דיר דר בארמן האף צו גאט ער וועט דיר העלפן .

אחר אין אלאנגע צייט ארום האבן גזונדיגט דר שר המשקים אונ דר שר האופים צו פרעה הט מען זיי ארייו גזעצט אין דר תפיסה ווי יוסף זוצט . ויהי איז גקומן איין טאג קומט יוסף צו זיי זעהט ער אז זיי זענן טרויעריג זאגט יוסף צו זיי ווארום זענט איר טרויעריג זאגן זיי איין חלום הט זיך אונז גחלומת דיא נאכט אונ מיר ווייסן ניט דעם פתרון . יוסף זאגט פאר ווער צוא גאט איז דר פתרון פון חלומות דר ציילט מיר אפשר וועל איך אייער חלום פותר זיין . דער שר המשקים זאגט צו אים דוא בוסט איין קנעכט פון שר הטבחים ווער הט דיך גמאכט פאר איין פותר חלומות . יוסף זאגט מיין הער האסטו גקאנט דעם גרוסן רופא וואס הט גהייסן כוסטיאוס הקדמוני זאגט דר שר המשקים איך האב גהערט ער איז גוועזן אגרוסר דאקטר . יוסף זאגט דער בוסטיאוס הט זיך איין מאל מיישב גוועזן ער וועט זיין אויף דר וועלט

מיט זיינע רפואות זעהן אוב ער װעט אן טרעפען גרעסירע חכמים װעט ער פון זיא מקבל זיין נאך חכמות אונ װעט אוך קרוגן איין גרויסן שם אויף דר װעלט פר איין דאקטר אזו הט ער זיך גנומן איין קעסטיל מיט רפואות אונ איין איזיל אונ האט גרוטן אונ האט פיל ארומע חולים גהיילט . איין מאל איז ער גקומן ניט װייט פון דר שטאט ביתר אזו הט אים אן גהובן צו שלעפערין איז ער אראפ גקראכן פון דעם איזיל אונ האט דאס גלאזט פאשן אונ איז שטארק אנטשלאפן גװארן . דר װייל איז גקומען איין גנב אונ האט אים אפ גצוגען זיינע גוטע קליידער אונ האט אהן גטאן זיא אונ האט איהם דיא צוא רוסענע קליידר אן גטאן אונ האט גנומען דאס איזיל אונ איז אװעק גנאנגן דר כומטיאום שטייט אויף זעהט ער דס איזל איז ניט דא אין די גוטע קליידר זענן אוך ניט דא זאגט ער אזו גהער צו זיין דעם דר װאס ליגט זיך שלאפן אין פעלד אונ דר כומטיאום נעמט דם קעסטיל רפואות אונ גייט אין שטאט אריין הערט ער איין יעמערלך גשרייא אין איין הוז דא גייט ער אריין זעהט ער אז איין יונגר מאן ליגט שלאף אונ דריי דאקטורים שטייען אונ זאגן מיר קאנן אים גאר ניט העלפען זאגט כומטיאום לאזט מיך צו צו דעם חולה איך װעל אים באלד הייכן הייבן אן אלי צו שפעטן אונ זאגן דו בעטלר װער ביסטו אז דו זאלסט קאנן אים היילן אונ דר פאטר פון דעם קראנקן הט אים ארום גשטופט אונ דר חולה איז גשטארבן . דר כומטיאום הט זיך מיישב גװען אונ האט זיך גזעצט אין מיטן דער גאס אויף דער ערד אונ נעמט ארום פון דעם קעסטיל דיא פרעשלך מיט רפואות אונ שטעלט לעבן זיך , דיא רפואות האבן איין ריח גיגעבן אין אלע גאסן אזו זענן אלע גקומן אונ פרעגן אים װס גייסטו אין אזעלכע קליידר דיר שטייט אן צו גיין אין שיינע קליידר װי אלי דאקטורים הט ער זיי דר ציילט די גאנצי מעשה די גאנצי שטאט איז גקומן אונ ער האט גהיילט . אין אלע דאקטורים זענן גקומן צו אים אונ האבן אים גרוס כבוד גגעבן . אונ דר װאס הט אים ארום גשטופט האט דם װייב אן גהובן צוא װיינן אונ זאגט איבר דיין בעס איז אונזר קונד פאר דר צייט גשטארבן היינט מיין הער זעה װס דר האט גהאט װייל ער האט גשפעט אום דעם ארום מאן אזו בין איך אוך ניט קיין קנעכט אונ ניט קיין זון פון איין קנעכט איך בין איין זון פון איין חכם אונ איין צדיק אונ איך בין גיגנבת גװארן פון דעם דאנר עברים אונ דא האב איך אוך גאר ניט גטאן װאס מען הט מיך גנעבן אין דיא תפיסה נאר איך מוז זעצן ביז גאט ברוך הוא װעט זיך

קרתם זיין אונ וועט מיך מיט פרייד ארוס נעמן פון דר תפיסה:

ויאמר זאגט דר שר המשקים אז דוא בוסט יוא איין חכם וועל איך דיר דר ציילן מיין חלום אונ דר ציילט אים אונ יוסף איז אים פותר חלום אז נאך אין דריי טאג וועט ער קומן צו זיין ערשטע שטעל:

וירא דר שר האופים הט גזעהן אז ער הט גוט פותר גוועזן דער ציילט ער אוך זיין חלום. יוסף מחריש יוסף שווייגט. זאגט דער שר האופים מיין ליבר פריינד ווס שווייגסטו זאגט יוסף איך האב ליב צו זאגן איין מענשן איין גוטי בשורה אבר ניט אשלעכטי. דר שר האופים דער שרעקט זיך זייער אונ שווייגט אביסיל. אונ זאגט איך בעט דיך זאג מיר אפילו שלעכץ איז אוך גוט אז איך זאל וויסן פריער. זאגט יוסף צו דעם שר האופים דיין חלום באטייט אז נאך אין דריי טאג וועט מען דיך פורן הענגן:

ויאמר אונ צום שר המשקים זאגט יוסף מיין ליבר הער אז איר וועט שון קומן אוף אייער שטעל בעט איך אייך אז איר זאלט מיך גדענקן פר פרעה ער זאל מיך ארוס נעמן פון דר תפיסה ווארום איך בין גאר ניט שולדיג אז איך זאל זיצן אין דר תפיסה. אונ די חלומות זענן מקוים גווארן אזו ווי יוסף הט פותר גוועזן. אונ דער שר המשקים האט ניט גדענקט אן יוסף אונ האט אים גאר פר געסן אונ דער פר וואס יוסף האט גהאט איין בטחון אוף דעם שר המשקים איז ער גישטראפט גווארן איז ער נאך צוויי יאר גזעסן אין דער תפיסה:

ויהי מקץ אז עס איז אים אום גלאזט די צוויי יאר הט זיך דעם קעניג פרעה גחלומט אחלום. אונ ער שוקט נאך אלע כישוף מאכערם פון מצרים אונ דר ציילט זיי דעם חלום. עס הט זיך מיר גבאכט אז איך שטיי בייא דעם טייך נילוס האב איך גזעהן אז פון דעם וואסער ציאן ארוס זיבן פעטע רינדר אונ זיבן מאגרי רונדר דר נאך האבן די זיבן מאגערי רונדר איין גשלונגן די זיבן פעטע רונדר אונ מען הט אן זיי גאר ניט דר קענט ווארום זיי זענן אזו מאגער גוועזן ווי פריער הב איך מיך אוף גחאפט פון מיין שלאף אונ דער נאך בין איך ווידער אנ שלאפן גווארן האב איך ווידר גזעהן אז עס איז ארוס גגאנגן זיבן פולע זאנגן אונ זיבן ליידיגע זאנגן האבן די ליידיגע זאנגן איין גשלונגן די פולע זאנגן. ויאמרו זאגן די כישוף מאכערס צו פרעה דר פתרון פון דעם חלום איז אזוי די זיבען פעטע רונדער ווייזען אז דוא וועסט האבן זיבן טעכטר אונ די מאגערע ווייזן אז דו וועסט בגראבן זיבן טעכטר אונ די פולע זאנגן ווייזין אז דו וועסט אפ געמן זיבען שטעט אונ דיא

ליידיגע ווייזין אז דו וועסט אן ווערן זיבן שטעט זאגט פרעה אייערע
רייד גייען מיר גאר ניט אריין אין מיינע אויערן ווארום איך הב גאר
גיט אין זין מלחמה צו האלטן אונ מיין ווייב איז שוין אלט זי וועט
בוודאי מיין קיין קינדר האבן . איר זאלט שוין מיין פון דיא נארישע
רייד ניט שמועסין כדי מיינע טעכטער זאלן זיך ניט שרעקין אונ פרעה
לאזט אום רופן אין אלע גאסן ווער עס קאן פותר חלום זיין זאל קומן
צו מיר . זאגט דר שר המשקים צו פרעה איך ווער מיינע זונד הייגט
דר מאנן אז איך בין גזעסן אין דר תפיסה מיט דעם שר האופים אזו
האט אונז ביידע גחלומת איין חלום אונ דארטן איז דא איין קנעכט אונ
ווי ער האט אונז פותר חלום גוועזן אזו איז מקוים גווארן . זאגט פרעה
ווארום האסטו גשוויגן ביז אהער זאגט דער שר המשקים איך האב
גמיינט אז די חרטומי מצרים וועלן פותר זיין ווארום דיא חכמה פון
חרטומי מצרים איז אוף דר גאנצר וועלט. פרעה זאגט צו זיינע באדינר
גשווינד איילט אונ ברענגט צו מיר דעם קנעכט פון דר תפיסה :
פרם איידער דיא סריסים זענן גקומן נאך יוסף . קומט דר שר בית
הסוהר אין דר תפיסה אריין זעהט ער דם פנים פון יוסף איז זייער
פרייליך זאגט ער צו יוסף זאג מיר מיין פריינד וואס איז היינט אזו דיין
פנים פרייליך זאגט יוסף איין פרייליך הארץ מאכט איין פרייליך פנים .
זאגט דר שר וואס פר א פרייליך הארץ האסטו היינט זאג מיר מיין ליבר
פריינד זאגט יוסף איך הב די נאכט אגוטן חלום גזעהן עס האט מיך
גטרומט איך זיץ אוף איין הויכן גרוס מעכטיגן בארג אונ גאנץ מצרים
שטייען ארום דעם בארג אונ איך רייד אונ גאנץ מצרים קוקין אונ
בוקין זיך צו מיינע רייד . זאגט דר שר הקנאי גאט זאל דיין מזל דר
הייבן ביז אין הימל. אזו ווי זיי ריידן קומן די סריסים פון פרעה אונ
נעמען יוסף אונ שערין אים אפ אונ טוען אים אן אנדרע קליידר אונ
פירן אים צו פרעה . יוסף איז גקומן צו פרעה אין הויז אריין . זאגט
פרעה צום שר המשקים דם איז דר קנעכט וואס דו האסט גזאגט זאגט
ער יוא זאגט פרעה זיין גשטאלט ווייזט אום וויא איין מלאך ער מוז
גאר קיין קנעכט ניט זיין. פרעה זאגט איך האב גהערט זאגן אז דוא
קאנסט פותר חלום זיין בבן אויב דו וועסט מיר פותר זיין וועסטו
ביי מיר דר לאנגן גרוים עשירות אונ כבוד . זאגט יוסף ניט אן מיר
איז דם גווענט נאר א גאט ברוך הוא. אדוני מלך דר ציילט מיר דעם
חלום . פרעה זאגט מיין ליבער פריינד וויא מיר פותר דעם חלום
עס זאל מיר לונגר זיין אוף מיינם הארצן ווארום די חרטומים זענן ניט

אין שטאנד מיין חלום פותר צו זיין . יוסף שווייגט אביסל אונ דר נאך זאגט ער ארני המלך איך וועל דיר זאגן פר וואס דיא חרטומים האבן ניט געקאנט פותר חלום זיין זיי האבן גמיינט אז דר חלום פון דעם מלך איז גלייך צו איין חלום פון איין פראסטן מענשן וואס דר חלום ווייזט נאר אויף זיין הויז גזינד אבר דר חלום פון א מלך ווייזט איף נאר זיין פאלק וואריום דר מלך צווישן זיין פאלק איז גלייך ווי דם הארץ ביי א מענשען אז דם הארץ האט חיות האבען אלע איברים חיות אונ ווען חלילה ניט אזו שטארבען אלע איברים . אזו אז דעם מלך איז גוט . איז דעם פאלק אויך גוט . דם בטייט דר חלום . די זיבן פעטע רינדר אונ די גוטע זאנגן ווייזן אויף זיבן וואלוועלע יארן אונ די זיבן מאגערע רינדר אונ ליידגע זאנגען ווייזן אויף זיבן יאר הונגר אונ אזו וויא דיא שלעכטע רינדר אודר זאנגן האבן איין גשלונגן די גוטע רינדר אודר זאנגן אונ מיהאט ניט דר קענט אזו וועט זיין אז דר הונגר וועט קומן וועט מען גאר ניט דר קאנן אז עס איז גוועזן גוטע יארן זאגט פרעה דוא האסט מיך מיט דיינע ווערטר גאר דער פרייט נאר איך וועל דיך פרעגן נאך וואס בדארף גאט מודיע זיין די צרה פר דר צייט עס איז גנונג אז די צרה קומט וועט מען דיא צרה זעלבסט וויסן . אונ ווידר וואס בטייט דם וואס איך האב גזעהן אז איך שטיי ביי דעם טייך אונ פון דעם טייך גייען ארום דיא גוטע רינדר אודר זאנגן אונ דיא שלעכטע זאגט יוסף איך וועל דיר זאגן אתירוץ גאט ב"ה האט רחמנות אויף דיא לייט זיי זאלן חלילה ניט שטארבן פון הונגר דרום הט ער מודיע געוועזן פריער כדי אזדו ארוני המלך זאלסט אום דר ווייטן איין איש חכם ונבון ער זאל זאמלן תבואה פון די גוטע יארן אויף די שלעכטע . אונ דאס איז גלייך ווי אטייך אזו ווי דר טייך טרינקט אן אלע פעלדר אזו דם מיטל וועט מפרנס זיין דם גאנצע פאלק . זאגט פרעה צו יוסף דיינע רייד זענן אמת . קיין תפיסה וועסטו שון מער ניט זעהן זיץ דא אין חדר ביז וואנן איך וועל מיך מיישב זיין וואס מיט דיר צו טון . זאגט פרעה צו די שררות איך האב שון לאנג אין זין געהאט צו זעצן א מענש איבר מיין לאנד אונ היינט הט מיר ב"ה צו גשיקט אזו איין איש חכם . השרים די הארן זאגן דו ביסט אונזר מלך אז דו וועסט שטעלן וועמן דו ווילסט אונ וועסט הייסן אז מען זאל אים געהארכן וועלן מיר בוודאי פאלגן ובפרט אז דו ווייסט מאכן איבר אונז אזו איין איש חכם ונבון ווי ער איז פרעה זאגט צו זיינע קנעכט רופט יוסף אהער אונ זיי רופן אים זאגט פרעה צו יוסף הער צו מיין ליב קינד אז גאט

הט דיר דס מודיע געוועזן את ניט פר האנדן אזו אתכם ווי רז גבן זאקעט זיין שני למלכות :

ויקח פרעה את יוסף אונ פרעה גענומט יוסף אונ שיקט אים אונ לאזט אים אן טון ליינענע קליידר אונ גיט אים איין גילדענם האלז באנד אויף זיין האלז אונ הייסט אים אריין זעצן אין איין רייט וואגן אונ הייסט אים פירן אין גאר דעם לאנד מצרים אונ די קנעכט זאלן לופן פר אים אונ זאלן שרייען דאס איז דר שליט איבר גאנץ מצרים ווי יוסף איז גפארן איבר דעם לאנד מצרים האבן אלע אים דר לאנגט געבעט בריב אונ די עדינה וואס הט מיט אים גדינט ביי פוטיפר הט אויף גהובן אירע אויגן הט זיא גזעהן אז יוסף פארט אזו זאגט זיא צו אירע חברותות זעהט נאר דר יונגר הער איז יוסף אונ איז גגאנגן אונ האט זיך צו אים גבוקט אונ הט אים דר לאנגט אבריב האט ער ביי איר צו גנומן אונ איז ווייטר גפארן ווי ער איז גקומן אהיים נעמט ער אלע בריב לייענן אונ גפינט דיא בריב פון עדינה אונ זיא איז גשריבן אויף לשון קודש מיט דעם לשון איך שמעון בן יעקב העברי זאג עדות אז זיא איז א טאכטר פון דינה בת לאה אשת יעקב וואס זיא הט גהאט פון דעם מלך שכם בן חמור . פוטיפר קומט אונ פאלט פר יוסף אונ וויינט אונ יוסף הייבט אים אויף אונ זאגט דוא ביסט מיר געוועזן אזו ווי א גוטר פאטר היינט וועל איך דיר זיין ווי א גוטר זון אונ דיין עדינה וועל איך נעמן פר א ווייב . אונ יוסף נעמט עדינה דס איז אסנת בת פוטיפרע פאר א ווייב בחופה וקדושין אונ הט מיט איר צוויי זון דאס זענן מנשה אונ אפרים :

ויצבור יוסף בר אונ יוסף זאמלט איין קארין זייער פיל אין דיא זיבען גוטע יארן אונ דר נאך הט זיך אן גהובן דר הונגר אונ הונגר איז געוועזן אין אלי לענדר אונ פון אלי לענדר זענן גקומן מענשן קיין מצרים נאך קארין : וירא אונ יעקב הט גזעהן אז אין מצרים איז פאר האנדן איין תאפנונג צו אים אונ אוך קאין צו קופן זאגט יעקב צו די קינדר פארט קיין מצרים אונ קופט קארן אונ זייא נידרן קיין מצרים נאך קארן . ויבואו אונ די צעהן ברודר פון יוסף קומן קיין מצרים צוא קופן קארן אונ אין מצרים זענן געוועזן צעהן גאסן אונ אין איטליכר גאס ביי דעם טויער איז געוועזן א שרייבר אונ זיי זענן אריין גקומן איטליכר אין א בזונדרן טויער. ויהי ווי עס איז גקומן אויף דר נאכט אזו האבן די שרייבר אפ גבראכט דעם צעטל פון אלע וואס זענן גקומן תבואה קופן אונ יוסף גפינט די נעמן פון זיינע ברודר אז זיי זענן גקומן איטליכר

אין איין באזונדר טויער. מתרת מארגן פריה שליסט יוסף צו אלי אוצרות
פון תבואה אונ לאזט נאר אופן דעם אוצר וואס ער אליין האט פר
קויפט ער מיינט אז די ברודר וועלן קומן צו אים קויפן תבואה אונ זיי
קומן אבר ניט אונ יוסף ווארט ביז דעם דריטן טאג אונ זיי זענן ניט
גקומן אזו זאגט יוסף צו זיינע צוויא משרתים זיי זאלן גשווינד לויפן
אין אלי גאסן אונ אז זיי ווען גפונן צעהן יונגע לייט בזונדר זאלן זייא
ברענגן זיי צו אים אונ זיי לויפן אין אלע גאסן אונ גפונן זיי אונ זאגן צו
זייא גשווינד זאלט איר גיין צום משנה למלך צפנת פענח.
ויאמר יהודה זאגט יהודה ברודר דס איז ניט אום זוכט אונ זיי קומן
צום משנה למלך אונ זאגן פריד צו דיר משנה למלך פון אונז
אייניקלך פון אברהם העברי זאגט יוסף פון אברהם העברי האב איך
גהערט. פוגה ער קערט זיך צוא זיינע הערן אונ זאגט מיר זעהן מיט
אונזרע אויגן אז פון דעם גוטן פעלד שפראצט דערנער. יוסף זאגט צו
זיי דורך אמליץ פון וואנן קומט איר אונ זייא ענטפרן אלע מיר זענן
גקומן פון דעם לאנד כנען קארן צו קויפן. יוסף מאכט זיין פנים מיט
צארן אונ שלאגט אוף די הענט אונ גייט הין אונ הער אונ זאגט וויא
גשריגן אוף דיר לאנד אוף דיין שונקיים ליבר איז מיר דר טוט איידר
איך זאל זעהן דיין שטערין ווערט אראפ פאלען. כמתנחם אונ ער
בדענקט זיך אונ זאגט צו זיך אליין גלובט איז גאט ב"ה וואס ער שיקט
די רפואה פר דר מכה אונ הט מיך גמאכט פאר אשליט כדי אז איך
זאל פר זארגן דס לאנד. יוסף הייסט דר מליץ זאל זיי פרעגן וואס
זיי טוען דא דר מליץ האט זיי גפרעגט אונ זיי ענטפרן מיר זענען
גקומן קויפן תבואה. יוסף זאגט איך זעה אז איר הט אקופרנם שטערן
אונ אהארץ פון אלייב גאט ב"ה האט מיר גגעבען שכל וויס איך
גוויס אז איר זענט ניט גקומן תבואה צו קויפן נאר אום זעהן דס לאנד
ווי גשרוגן אוף אייך בוגדים. זאגט יהודה הייגט האב איך אפ גלערינט
וואס אונזרע חכמים האבן גזאגט אז דר שכל דס איז דר אמת אונ דר דמיון
דס הייסט דס וואס אמענטש קאן זיך באכטן דס הייסט דר שקר ווארום איין
מענטשן קאן זיך באכטן חאטשי עס איז לוגן אונ אזווי אוואג שאל אז איינע
הייבט זיך אוף פאלט דס אנדרע אראפ אונ הייגט זעה איך אז דר דמיון איז
גאנץ הויך נאר עס איז מיר אוואונדר אזו אחכם וויא דר הער איז ווי
קאן דר כעס מיט דעם דמיון בגאנדר זיין ווארום ווען דיא ביידע זענן
בגאנדר קאנן זיי די הימל אונ די ערד חרוב מאכן. זאגט יוסף דיינע

בייד זענן מיט גרוס שכל נאר ווען מען האפט איינעם ווי ער גראבט זיך אונטער קאן אים דען ווס העלפן . זאגט יהודה מיין הער מיר ווען שולדיג מאכען אמענשען אז עס איז דא עדות אבר ניט מזאל זאגן מיר דאכט זיך אזו אדער מיין שכעל ווייזט אזו . זאגט יוסף איך האב גוויס עדות אוף דעם זאגט יהודה אפשר דר כעס אונ דר דמיון זענן דיא עדות זאגט יוסף דר כעס אונ דר שקר איז ביי אזו אמענש וויא דו ביסט . הערט נאר איר שלעכטע מענשן עס הט זיך מיר די נאכט גחלומת אחלום עס איז גקומן אגרוסר ווינט פון דעם לאנד כנען אלע בערג האבן גציטערט אונ איך וואר זייער דער שראקן ווען איך הייב אוף מיינע אוגן צוא כגעגנס ויט זעה איך אז צעהן שטערן האלטען מלחמה מיט איין שטערן אונ אין איין רגע איז איין שטערן פון דיא צעהן אוועק גפלוגן אונ די ניין האלטען מלחמה מיט דעם איינם אונ האבן אים גובר געווען אונ ער איז אוועק גפלוגן אין אונזר לאנד האב איך זיך אוף גחאפט דר נאך בין איך ווידר איין גשלאפן גווארן האב איך גזעהן ווידער אחלום אז איך פאר קוף תבואה זענן גקומן צעהן יונגע לייט קופן תבואה האב איך גוואלט נעמן ביי זיי געלד זעה איך אז זייערע הענט זענן אנגשמורט אין בלוט האב איך ביא זייא ניט גוואלט געמן דס געלט אונ גייא פון זיי אוועק זעה איך אין אווינקלע פון דעם הוז זיצט איין אלטער מאן אונ וויינט אונ פאר אים ליגט אצוקעלע גקליט אונ אהעמדל איין גטונקט אין בלוט אונ איך חאפ מיך אוף טוט מיר זייער ווי מיין הארץ נאר גאט ב"ה הט מיר געגבן אביסל שכל אונ האט מיר מגלה געווען דעם סוד פון דיא חלומות דער ערשטער חלום בטייט אז צעהן מלכים פון כנען האבן אין דר מחשבה מלחמה צו האלטן מיט דעם לאנד מצרים וועט איינר פון דיא צעהן פאלן אין דר מלחמה אונ דר אנדרר חלום בטייט אוף אייך איר זייט די צעהן יונגע לייט וואס מען האט אייך גשוקט אום זעהן דאס לאנד מצרים איר לאקערט אוף דעם בלוט פון דעם לאנד מצרים אונ דער אלטער מאן דאס איז אונזר עלטר פאטר פון מצרים דער זן פון חם ער הט גוויינט וויל ער הט גזעהן אז זיינע קינדר זענן אן גבריים צו פאר שניטן ווערן ווי אציקעלי אונ היינט הט אייך גאט ב"ה איבר געגטפרט אין מיינע הענט וועט איר לייחן די שטראף פר די לייט וואס האבן אייך גשיקט : האחים די ברודר קוקן איינער צום אנדרן אונ זאגן הערט נאר ווי הין זיינע חלומות גייען :

יהודה זאגט צו יוסף איך הב געהערט זאגן אז אחלום איז גליך וויא

שקיצל וס פר אפנים דר מענש האט וואס ער קוקט אין שפיגל אזו
מתאנים זעהט ער . אזו אחלום וויא מען וויל אזו איז מען אים פותר
איך וועל דיר ביין חלום צו גוטן פותר זיין דר חלום בטייט אז מלכות
מצרים וועט זיין קעגן דעם מלכות כנען וועט דם מלכות מצרים איין נעמן
דם מלכות כנען אונ דר אלטר וס ער הט געווייגט דאס איז כנען דר
עלצטר פון דר אומה אונ דם גקוילטע ציקעלע דם איז דר מלך כנען
וס ער וועט פאלן אין דר מלחמה . יוסף זאגט זאג מיר א תשובה וס
בטייט דיא צעהן יונגע לייט וס ציערע הענד זענן גוועזן איין גרעבט
אין ברוט וואס איך האב גזעהן אין חלום : יוסף זאגט צום יונג רופ
מיר אסנת מיין ווייב אונ ער רופט זיא אונ זיא קומט אונ זעצט זיך
לעבן אים זאגט יוסף צו אסנת מיין הארץ דר צייל וס פר אקול דו
האסט געהערט די נאכט זאגט אסנת איך האב געהערט אקול וויא איין
אשה וויינט אונ זאגט אוי ווי געשריגן אויף דיר מצרים דאס זוסע אונ
שיינע פאלק די פר פלוכטע קינדר פון כנען פר שפרייטן אויף דיר אגעץ
אונ הילן דיך פר דארבן נאט מיין גאט זיי מציל דאס לאנד מצרים
פון די פאר פלוכטע רשעים אונ עס ענטפרט ווידער אקול אונ זאגט
שווייג מיין טאכטער עס וועט קיין שווערד ניט אריין גיין אין לאנד
מצרים נאר כנען וועט זיין א קנעכט אזו ווי ער איז פר פלוכט גווארן :
יוסף זאגט צו יהודה מיט געשפעט בארום דיך צו מאכן זום מיט דיינע
בייד דם וס דוא האסט געהערט . יוסף זאגט צו אסנת גייא אין
דיין חדר אריין נאך וואס זאלסטו יסורים האבן פון דיא בייד פון דיא
בגדים אונ זי גייט אין איר חדר אריין . יהודה זאגט אוי ווי געשריגן
איז דען דאס רעכט מזאל טון א משפט אן עדות נאר דורך א חלום .
יוסף זאגט ביסט גרעכט איך וועל גווים שטעלן עדות . יוסף זאגט צו
איין ברודר לויף אונ ברענג דם בייטל וס ליגט ביי מיר אין בעט אונטר
די קישן דער סריס איז גלאפן אונ הט גבראכט דאס בייטל אונ
יוסף נעמט ארויס א צעטל אונ זאגט צום סריס לייען וס דא שטייט .
הסריס דר דינר לייענט די נעמן פון די ברודר דם יעדר איז גקומן דורך
איין אנדר טויער . יוסף זאגט דא הט איר צעהן עדות יוסף קערט זיך
צו די הערין אונ זאגט האט איר גזעהן אודר געהערט צעהן ברודער
נייען אזו אנייטן וועג אין איינם אונ אז זיי זענן גקומן צו דר שטאט
וואס וויא בדארפן האבן זיא זיך פאר שפרייט אונ זענען אריין גגאנגען
איטליכר אין אבאזונדר טויער דרום איז גווים אז איר זענט גקומן אויס
זעהן דאס לאנד . נאר וויא האבן זיך אום זוסט מטריח גוועזן :

יהודה זאגט מיין הער דוא זאגסט רעכט אבר דוא האסט נאך ניט אפ
גיקלערט אין גאנצן די זאך ווארום אמענש ווייסט ניט וואס בייא
דעם אנדרן אין דר מחשבה איז ווארים אז איינר זעהט פון דעם אנדרן
אמעשה קאן זיך אים דאכטן אז ער איז ארשע אבר אז ער פרעגט
דעם חבר פר וואס ער האט אזו גטון קאן זיין דר חבר איז גרעכט אזו
ווי עס הט זיך גטראפן בייא דעם מלך פון לאנד הודו אז דיא שומרים
הייבן גפונען איין אלטין מענשן וואס ער האט זיך אונטר גגראבן צום
פאלאץ פון דעם מלך עס איז ווארן א גרוס גשריי צווישן די שומרים הט
זיך דר מלך אויף גכאפט פון זיין שלאף אונ זאגט וואס איז פר אגשריי
הט מען אים גזאגט אז די שומרים האבן גכאפט אז איין מענש גראבט
זיך אונטר אין דיינע פאלייען זאגט דר מלך ברענגט אים אהער האבן
די שומרים אים גנומן ביי די הענט אונ פוס אונ האבן אים גבראכט
צום מלך זאגט דר מלך דוא אלטר האסט מיך גוואלט בשטעלן בייא
נאכט היינט וועל איך דיר באצאלן זאגט דער אלטר אדוני המלך
חלילה איך זאל אזו אשלעכטע זאך טון נאר איך הב דס גטון מחמת
מיין ביטר הארץ כדי איך זאל קאנגן פר דיר קומן וועל איך ניצול ווערן
פון דעם טויט זאגט דר מלך מיינע טוערן זענן תמיד אפין ווער עס
הט נאר אבקשה קאן גלייך צו מיר קומן ביי טאג ניט ביי נאכט אונטר
צו גראבן זיך זאגט דער אלטר איך בעט זייער אז דער מלך בצדקתו
וברחמיו זאל אום הערן וואס איך וועל דר ציילן עס איז פר האנדן אין
דיינע מדינות אשטאט זי הייסט אגרעס וואס איך וואון דארט אונ אין
דר שטאט איז אשופט הט ער ניט קיין מורא פר גאט אונ פר דעם מלך
אונ איך ביין קנעכט הב דס ניט גקאנט ליידן האב איך אים גפרעגט
מיט גיטע רייד וואס וועט איר ענטפרן נאט ביום הדין אונ אונזר ליבן
מלך פאר דעם האט ער מיך אוועק גטריבן פון מיין האב אזו בין איך
אנטלאפן צו דיר אדוני המלך כדי איך זאל דר ציילן די גאנצע מעשה
ווי ער הט גהערט אז איך בין גלאפן צו דיר אדוני מלך הט ער גשיקט
אונ הט גראזט זאגן דיא שומרים אז זיי זאלן מיך ניט אריין לאזן איך
הב גוואלט כמה פעמים אריין גיין האבן די שומרים מיך גשלאגן דרום
האב איך מיך מיישב גוועזן איך וועל מיך אונטר גראבן וועט מען מיך
האפן אונ מען וועט מיך ברענגן צוא דיר אדוני המלך וועל איך קאנגן
זאגן מיין בקשה נור דר מלך הערט דאס אזו זאגט ער צום אלטן זיי
דו ביי מיר אונ איך וועל דר קלערין אויב עס איז אמת אזו ווי דו זאגסט
וועסטו זעהן אן זיי איין נקמה אונ דער מלך הט גשיקט אונ הט דוא

קלערט אזו ווי דר אלטר האט גזאגט האט דר מלך געהייסן אז די שומרים
אונ דר שופט זאלן בשטראפט ווערן אונ האט דעם אלטן גדאנקט דר פר
וואס ער האט אים מודיע גוועזן . אזו דא אויך אדוני משנה למלך זאגט
אז מיר זענן גקומן אום זעהן דאס לאנד אבר גאט ב"ה וויסט דעם
אמת אז מיר זענן קיין אום זעהר :

יוסף זאגט איך קאן אייך אז איר קאנט זאגן משלים אבר דם העלפט
ביא מיר גאר ניט ניט מיר גאר א תשובה ווארום האט איר זיך
צו טיילט אויף צעהן טויערן . יהודה זאגט איך וועל דיר דער ציילן מיר
זענן גוועזן ביי אונזר פאטער צוועלף זין איינר דר קלענסטר איז היינט
ביי אונזר פאטער אונ איינר איז גגאנבעת גווארן אזו זענן אונזרע הערצר
זייער פר בוטערט אונ אונזער פאטער טרויערט זייער אויף אים דרום
האבן מיר זיך פר שפרייט אין אלע גאסן טאמר וועלן מיר אים גפונן
אבר חלילה מיר זאלן האבן אין אונזר מחשבה שלעכץ . יוסף קערט זיך
אום צו די שרים אונ זאגט איך גלייב אז דר אלטר פון הודו איז גוועזן
ארשע אונ ער האט גענטפערט א תירוץ פר זיך אונ פר אנדרע רוצחים
נאר אים איז דר אמת גראטן אבר די רשעים וועל איך בוודאי בצאלן
יוסף זאגט צו יהודה דו מיינסט אז דו וועסט זיך פר ענטפערן מיט דיינע
שלעכטע רייד דאס קאן מען אין רעדן איין נאר אבר ניט אזו אייך
מאן ווי איך בין זאגט יהודה וואס פר א שלעכטע רייד האסטו ביי מיר
גפונן . יוסף זאגט ווי זענן אייערע רייד ניט שלעכט ווי שוקט זיך דס
מזאל ניט וויסן ווי א ברודר קומט אהין איך ווייס ניט וואס האט דס לאנד
מצרים פר זינדיגט וואס איר זוכט אים גראד דא . זאגט יהודה איך וועל
דיר דר ציילן מיר האבן גפאשט די שאף פון אונזר פאטער אונ אונזר
פאטער האט אים געשיקט צוא אונז אונ עס איז מיין ניט ווייט נאר
א טאג רייז וויסן מיר ניט ווי ער איז אהין גקומן נאר מיר האבן גהערט
זיט לאנג אז אנשים מדינים האבן אים גגנבעת אונ האבן זיך פר קופט
קיין מצרים . יוסף זאגט די מדינים וואס קומן אהער מיט סחורה זענען
וויס ערליך חלילה צו זאגן אז זיי זאלן א מענשן גנבענן . יוסף זאגט צו
מיר דאר שר המשקים קאנסטו די מדינים זאגט דר שר המשקים איך קאן
זיי איך האב גאר ניט גזעהן א זעלכע ערליכע סוחרים ווי זיי זענן עס
קאן זיין אז איין אנדרר האט אים גינגנבעת אונ האט זיי פר קופט :

יוסף זאגט עס קאן אזו זיין יוסף זאגט צו איין משרת גשווינד לויף אונ
רוף מיר מיינע צוויי משרתים אתי אונ אבלט די צוויי משוהים
זענן [illegible] אונ יוסף פרעגט זיי די צעהן מענשן ווי האט איר גפונן זאגן

זיי מיר האבן זיי געפונען אין אשלעכטע גאס. יוסף זאגט זעהט וויא איר זענט ערלוכע לייט וואס האט איר צו טון אין דר גאס. זאגט יהודה דאס האט אויך אמעם זאגט יוסף פר אזו אמאן האלט איר אייער ברודר זענט איר אויך אזו ווי ער ווארום איר זענט אלע פון איין פאטר זאגט יהודה ניין אז ער איז געווען ביי אונזר פאטר האט מען פון אים ניט געזעהן קיין שלעכץ נאר היינט האבן מיר געמיינט טאמר איז ער געווארן אשלעכטר. זאגט יוסף היינט זעה איך אז דו קאנסט מאכן מיט דיינע רייד אגוטס פון אשלאנג זום ווי האנוג. יוסף אל מירד יוסף זאגט צוא מירד דוא בוסט פארט איין אלטר מאן דו האסט פר זיך געזעהן אוועלט האסטו געזעהן אזו אבנייט אונ גרוס מזל ווי דר יהודה האט ער קאן איבר ביידן טוזינט מענשן. סוגה ער קעגט זיך צו די ברודר אונ זאגט מיר האבן שון צו פול באנאנדר גרעט עס איז שון גאנץ גוג מדארף שון מער ניט ריידען נאר איך וועל מיט אייך חסד טון שוקט פון אייך איינעם ער זאל ברענגן אייער קליינם ברודר אונ איר אלע וועט דא זיצן אין דר תפיסה וועל איך פון אים דעם אמת וויסן. יהודה זאגט מיט רוגז מיר זענן אונזר לעבן ניט געזעסן תפוס אונ היינט וועלן מיר אויך גיט זוצן. יוסף האט פר שטאנען אז יהודה וויל ריידן מיט די ברודר נאר ער האט מורא פר דעם מליץ האט יוסף גווינקן צוא דעם מליץ אז ער זאל אפ טרעטין האט דר מליץ אפ גטרעטן זאגט יהודה צו די ברודר איך זעה אז איך האב פול שלעכטס גמאכט וואס איך האב אזו פיל מר בראכט מיט די וויכוחים מיט דעם שר דרום איז מיין עצה אז מיר זאלן זיך אהיים אום קערן נאר מיר זאלן אבטחון האבן אין גאט ב"ה ער וועט אונז בוודאי העלפען. זאגט יששכר ברודר דיין עצה איז שלעכט עס שיקט זיך אבטחון האבן אין גאט ב"ה אז מיר זאלן זיין ריין פון זונד אבר מיר האבן גזונדיגט איבר אונזר ברודר יוסף דרום האט גאט אויף אונז אן גשיקט די צרה זאגט יהודה וואס פאר אצייכן האסטו אויף דעם זאגט יששכר מיר זענן אליין דר צייכן ווארום ווי פול מענשן פון אלי אומות קומן אהער נאה תבואה אונ ער מאכט אויף זיי קיין בלבולים אונ אויף אונז מאכט ער יוא בלבולים איז דר פון אראיה אז גאט ב"ה האט אויף אונז אן גשיקט מחמת אונזרי זינד ובפרט זיינע חלומות די צעהן שטערן אונ דם גקולטע צוקעלי אונ דם העמדיל איינגטונגט אין בלוט אונ דער אלטר זוצט אונ ווייגט ווייזט גוים אום אויף אונז מיר קערן זיך שעמן פר גאט ב"ה אונ מתודה זיין אויף אונזרע זונד אויך ווי קאנן מיר קומן אהיים אן תבואה אונ דיא קונדר וועלן שרייען עסן

אונ מיר וועלן זיי ניט האבן צו געבן אונ אונזר היילינר פאטר וועט לעבן אין הונגר איז ביוראי גווים ליבר צוא שטארבן אין דער תפיסה איידר צו זעהן די צרות דרום ברודר דארפן מיר מקבל זיין די שטראף פון גאט באהבה מאמר וועט אונז ביי שטיין דער זכות פון אונזערי עלטערן וועט דר משנה למלך אוף אונז רחמנות האבן אונ וועט אונז לאזן פרייא פון דער תפיסה. האחים כולם דיא ברודר זאגען אלע יששכר זאגט רעכט :

אונ יוסף שיקט נאך זיבעציג גבורים זיי זענען געקומן אונ זאגן מיר זענען געקומן צו דיין בפעל אונ יוסף הייסט זיי ארום רינגלן כדי מיזאל זיי אין דר תפיסה זעצען אונ אז זיי רונגלן זיי ארום. אלע ברודר ווערן דער שראקן נאר יהודה שטארקט זיך אונ זאגט צו יוסף דוא האסט באוויזן דיין ממשלה אז די גבורים זענן געשטאנן צו דיין בפעל אבר איך גיב דיר ארוני איין עצה טובה אז דו זאלסט הייסן דיא גבורים אפ טרעטן ווארום פון דר צייט וואס מיר הלטן מלחמה: הט נאך קיינר מיט אונז קיין מלחמה ניט געהאלטן. ווער עס וויל לעבן דר מאכט מיט אונז שלום. אונ יהודה טוט אגישריי צוא די גבורים אונ די גבורים פאלן. זאגט יוסף דו ווילסט דא מיט מיר מלחמה האלטן אונ ווילסט ניט גיין אין דר תפיסה זאגט יהודה ניין אונזר פאטר האט אונז געלערינט אז מען מוז זייער נוהג בכבוד זיין מיט אראש ושר ובפרט מיט איין משנה למלך זאל מען תוץ כבוד אוף גרוס הכנעה האבן דרום וועלן מיר אליין גיין אין דר תפיסה זאגט יוסף דם געפעלט מיר אז איר ווילט אליין גיין אין דר תפיסה נאר ווער וועט וויסן צו גייט איר אין דער תפיסה דרום זאלן אייך נאך גיין צעהן גבורים כדי עס זאל זיין פאר אסימן אז איר גייט אין דר תפיסה: האחים די ברודר זענן געבליבן שטיין אונ האבן גאר ניט געענטפערט אונ דיא גבורים האבן אלע אפ געטרעטן נאר צעהן זענן געבליבן אונ האבן זיי געפירט אין דער תפיסה אוף דער נאכט שוקט יוסף די עסן אונ זיי עסן נאר אביסל :

ויהי ווי עס איז געקומן מארגן פריא שוקט זיי יוסף אסעודה מיט דעם משרת בעלים ברענגט זיי די סעודה זאגט דר משנה למלך איז שטארק ברוגז וואס איר הט געכטן גאר ניט גגעסן דרום האט ער הייסט געגעבן אז איר זאלט עסן אונ טרונקן אונ זאלט פרייליך זיין. זאגט יהודה מיר דוכט אז דער משנה למלך מאכט פון אונז געשפעט ווארום ווי קאנן מיר עסן אונ טרונקן אונ פרייליך זיין אז דער משנה למלך איז אוסן אוף אונזר אומגליק. זאגט בעלים איך שווער אייך אז

ער פֿערייבט ניט קיין געשפעט נאר ער האט זייער אגוט הארץ יהודה
זאגט זאג מיר ניט ער אלע וואס זוצן אין דר תפיסה אזו אסעודה:
בעלים זאגט עס וואונדרט מיך אוף דיר דו בוקט אגרויסר חכם זאלכט אזי
זאגן ווען ער זאל וועלן אלע תפוסים געבן עסן וועט אים דען גנוג
זיין הב אונ גוטס יהודה זאגט עס וואונדרט מיך נעכטן האט ער מיט
אונז אזו מלחמה געהאלטן וואס מיר האבן געפילט דעם טעם פון דעם טוט
אונ היינט טוט ער מיט אונז חסד. בעלים שווייגט אקליינע שעה ער
קוקט הין אונ אהער גלייך ווי ער וויל עפיס זאגן נאר ער האט מורא:
יהודה זאגט איך בעט דיך זאג אונז דעם אמת וואס ביי דיר אין הארצן
איז. בעלים זאגט ווען איך זאל וויסן אז איר זענט בעלי סודות
איר זאלט פאר קיינעם ניט מגלה זיין וואלט איך אייך געזאגט. יהודה
זאגט גלויב מיר אזעלכע בעלי סודות ווי מיר זענען איז ניט צו געפונען
אין דר גאנצר וועלט זאגט בעלים ווייל איך הב אוף אייך גרוס רחמנות
דרום וועל איך אייך זאגן עס וועט געוויס אייערע הערצער פרייליך מאכן
דר משנה למלך זאגט צו זיין ווייב אסנת געשווינד מאך אסעודה ווען
די צעהן פרשון פון כנען וואס זיצן אין דר תפיסה הט זי אן געהויבן צוא
לאכן זי הט געמיינט אז ער שפעט זאגט דער משנה וואס לאכסטו איך
מיין באמת חלילה איך זאל שפעטן אום אזעלכע לייט ווי זיי זענען זאגט
זי עס איז מיר אוויגדר אגאנצען טאג האסטו מיט זיי געשטריטן אונ
האסט זיי גרופן בוגדים אונ היינט הייסטו זיי מאכן אסעודה אזעלכע
מענשן קומט נאר ברוט אונ וואסר זאגט דר משנה למלך הער צוא
מיין הארץ דר וויל מאך פארטיג די סעודה אונ דר נאך וועל איך דיר
דער ציילן זי הט פארטיג געמאכט די סעודה אונ האט זיך לעבן אים
געזעצט אונ זאגט מיין הארץ איך שווער איך וועל ניט אפ טרעטן ביז
דו וועסט מיר זאגן וואס דס בטייט אונ יוחני אונ ממרא די עלצטע
חרטומי מצרים זענען אויך געזעסן פר דעם משנה אונ איך בין געשטאנען
אונטער דר מיר האב איך געהערט אז דער משנה למלך זאגט איך וועל
דיר זאגן דו זאלסט וויסן אזו ווי איך הב זייא יסורים אן געטאן אבר
איך האב נאך מיין יסורים געהאט אז זיי האבן מיר געזאגט אז זיי זענען
אייניקלך פון אברהם העברי נאך דר מלחמה וואס איך הב מיט זייא
געהאט הב איך מיך געלייגט אוף מיין געלעגער אפ רוען זיך בין איך אביסל
געשלאפן האב איך געזעהן איין אלטן מאן ער זוצט אוף איין שטול פון
גאלד מיט טייערע שטיינער אונ קוקט מיך אן מיט אגרוס פנים הב איך
מיך אוף געכאפט דוכט זיך מיך אז דס איז דר אברהם העברי ער ...

אויף מיר ברוגז פר זיינע קנעכט האטשי עס קאן זיין אז דר חלום איז
דינן פון רעכט ווען שרעק איך מיך זייער דרום דס משפט וס איך
הב אן גהובן מיט זיי מוז איך נאך קלערין וואָרום אזו איז דס גנעץ פון
אמלכות אבער איידר איך קלער אום איז רעכט צו ווייזן אשיין פנים
אונ אן צו נעמן זייא שיין. זאגט אסנת האסטו דען גקאנט דעם אברהם
העברי וס דו האסט מורא פר אים זאגט דער משנה ניין וואָרום עס
איז שון אכציג יאר אז ער איז גשטארבן נאר מיהאט מיר דר ציילט
זיינע מעשים אונ איך הב גפונן אין די ביכר פון זיינע מעשים איידר
פרעה הט מיך גמאכט פר אמשנה הב איך אן גהובן צו קוקן אין די
ביכר כדי איך זאל וויסן ווי אזו די מדינה צו פירן, הב איך גפונן אין איין
בוך איז גשטאנן דר וויכוח וס ער הט גהאט מיט נמרוד אין דער
אמונה פון גאט ב"ה דר אברהם העברי האט גזאגט עס איז פר האנדן
נאר איין גאט וס ער הט בשאפן די וועלט אונ הט גוויזן ראיות אויף
דעם וס עס איז נאר ניט ארום צו שרייבן דער נמרוד איז אויף אים
זייער ברוגז גוועזן אונ הט גהייסן מזאל אום הייצן איין אובן דריי טאג
אונ דעם אברהם העברי אריין ווארפן אבר ער הט נאר קיין מורא ניט
גהאט פר דעם אובן ער איז גגאנגן גלייך ווי צום טאנץ וואָרום ער הט
גזאגט ליבר וועל איך שטארבן וועל איך האבן אחלק עולם הבא ווייא
מיהט אים אריין גווארפן אין דעם אובן אונ נמרוד איז גזעסן אויף דער
שטול אונ די הארן זענן גשטאנן לעבן אים כדי זיי זאלן אנקמה זעהן
אין דעם אברהם העברי אבר דעם אברהם העברי שאט גאר ניט אונ
ער גייט ארום אין אובן הין אונ אהער אונ זאגט מיין גאט וס ער הט
בשאפן די וועלט הט מיך מציל גוועזן דער נאך איז ער גפארן קיין כנען
איז גוועזן איין הונגר הט ער גמוזט פארן קיין מצרים אונ וס פר איין
צו פאל ער הט גהאט וויל איך ניט דער ציילן נאר דא זוצט ממרא אונ
יחני זיי זענן פון גבורן אן פון מצרים לאזן זיי דר ציילן. זאגט ממרא
איך הב גהערט. פון מיינע עלטערן אז ער איז דא מיין ניט גוועזן נאר
טאג הט ער פול חכמות גוויזן אונ הט גלערינט פיל מענשען חכמות 30
אונ מיר בעטן אוב דר משנה הט נאך עפס גהערט פון דעם מאן זאל
ער אונז דר ציילן זאגט דר משנה דר נאך אז דער אברהם העברי איז
אוועק פון דעם לאנד מצרים האט ער מלחמה גהאלטן מיט גבורים
נאר מיט ווייניג חיל אונ האט זייא גובר גוועזן אין איין נאכט זאגט
אסנת ווען דס איז אמת זאג איך פאלג מיך אונ זיין אפ פון זייא לאזן
זייא זיך זיין אהיים זאגט דער משנה איך האב דיר שון גזאגט אז דער

משפט פון דר מדינה איז אוף מיר מושל אז איך זאל אום קערין זיך רעכט איז אפשר ועלן זיי זיין גרעכט. אזו האב איך געהערט ווי דער משנה מיט דר מלכה האבן גרעט: זבולון זאגט איך האב געהערט פון דיינע רייד אז דער משנה איז ניט פון גבארן אן פון דעם לאנד איך בעט דיך זאג מיר נאר פון וואסר אלאנד ער איז:

האחים די ברודר אלע צערנן אוף אים אונ זאגן וואס האסטו דרוף צו פרעגן מיר קערן אלע בעטן גאט פאר דעם משנה אז ער זאל מאריך ימים זיין אונ זאל מגדל זיין זיינע קונדר אונ זאלען אוך זיין שרים ווייל ער הט אוף אונז גוטץ אין זין: בעלים זאגט באמת אז דר משנה הט אוף אייך אגוט הארץ דרום עסט אונ טרונקט אונ זארגט ניט עס וועט אלץ רעכט זיין. יהודה זאגט דוא האסט ... נאר דער קוויקט מיט דיינע רייד גאט ב"ה זאל דיר בצאלין, דר בעלים גייט אוועק פון זיי אונ זיי צערנן אוף זבולון אונ זאגן ווי איז דיין שכל וואס דו פרעגסט פון וואנען דר משנה איז טאמר וועט ער דס דר ציילן פר דעם משנה וועט ער גווים זאגן אז מיר זענן מרגלים:

יששכר זאגט צו יהודה זאג נאר ברודר עס איז מיר אהידוש אוף דיר האסט גזאגט אז דער משנה איז אנאר זעה נאר וואס פאר איין ממשלה ער הט דא פון דעסט וועגן הט ער מורא פאר אונזער עלטר פאטר אברהם איך שווער דיר אז עס איז גאר ניט צו גלייבן אז ער איז פון דר משפחה וואס קומט ארוס פון חם נאר ער מוז זיין פון דער משפחה וואס קומט ארוס פון אונזער פאטער אונ גלובט איז גאט פון אונזרע עלטרין וואס ער האט אונז געגעבן חן בייא דעם משנה מיט גאטס הילף דאס דער שרעקניש וואס מיר האבען געהאט וועלען מיר שון מיין ניט האבן אונ אפשר וועט ער מיט אונז חסד טאן אונ וועט אונז פון דער תפיסה פרייא לאזן אודר ווען עס וועט קיין ברירה זיין וועלן מיר מוזין שוקין איינעם פון אונז נאך אונזר קליינם ברודר אונ מיר וועלן בלייבן דא אין דר תפיסה ווארום גלובט איז גאט אין דער תפיסה וועלן מיר אוך ניט שטארבן פר הונגר:

זבולון זאגט עס איז גאר ניט צו גלייבן אז אונזער פאטער זאל לאזן גיין אונזר קליינם ברודר. יהודה זאגט אז איר וועט מיך שוקען וועל איך אים גווים ברענגן זאגן די ברודר אזו וועט מוזין זיין.

יוסף קומט צו זיי דעם דריטן טאג אונ פרעגט זיי וויא גייט אייך דא מיינע ברודר. יהודה זאגט גערייס זוייסט דר הער אז דער וואס זיצט אין דר תפיסה האפט ער ארוס צו גיין פון דער תפיסה. יוסף זאגט עס

גפעלט איך ניט דער חסד וואס איך וויל מיט איך טאן פארגט מיך בל יבט איר דא אונ איינם שוקט נאך אייער ברודר. ראובן זאגט איך וויים גווים אז דר הער איז אגרוסר חכם דר הער פאר שטייט אליין אז דס איז ניט מוגלך אז איינר פון אונז זאל קומן צו אינזר פאטר אונ וועט אים זאגן די בשורה אז מיר אלע זענן אין דר תפיסה אין לאנד מצרים וועט ער גאר ניט קאנן ליידן דם גשריי אונ דם גוויין פון אונזר פאטר דם גשריי וועט גווים די הוסכן שפאלטן ווארום פון איינם וועגן האט ער אזו מרעיש עולם גוועזן אונ וויל זיך עד היום ניט טרייסטן מכל שכן וועגן אונז אלע עס קאן גאר ניט גמאלט זיין אז דר ברודר זאל אים זאגן אז ער זאל שוקן אונזר קליינם ברודר איך שווער דיר דרוף אז עס איז גאר ניט גמאלט די זאך צוא טאן ליבער וועלן מיר שטארבן אין דר תפיסה אונ וועלן מיר וועלן ניט דר ווארטן ביי אונזר הערן קיין חסד וועלן מיר האבן צו דעם חסד פון אונזר גאט. יוסף זאגט הערט צו ברודר איך בין ניט מחויב צו טאן חסד וועגן אייער פאטער נאר וועגן מיין אלטן פאטער די כוונה פון יוסף איז גוועזן אז זייער אלטר פאטר איז זיין אלטר פאטר אבר זיי האבן ניט פר שטאנן אונ האבן גמיינט אז ער האט אוך איין אלטן פאטר דרום זאלט איר גיין אלע אהיים מיט תבואה נאר איינר זאל דא בלייבן אין דר תפיסה ביז איר וועט ברענגן אייער קליינם ברודר וועל איך פון אים וויסן דעם אמת. האחים די ברודר שווייגן אלע יוסף זאגט אז איר שווייגט וועל איך אויך שווייגן איר האט אפשר איין בטחון אוף דעם גאט פון אייערי עלטרן איך האב אויך א בטחון אוף גאט פון מיינע עלטרן ווארום מיר האבן אלע איין גאט אונ איין פאטר. זאגט לוי וואס זאלן מיר ריידן אודר שווייגן דר הער קאן טאן וואס אים וואול געפעלט זאגט יוסף קלויבט אום איינעם פון אייך ער זאל בלייבן אין דר תפיסה. זאגן די ברודר אז דו ווילסט מיט אונז טאן חסד זאלסטו אליין אום קלויבן. יוסף זאגט ווארום ווילט איר אליין ניט אום קלויבן. שמעון זאגט ווי קאן זיין אז מיר זאלן אליין געבן איין ברודר אין דער תפיסה ווען מיזאל אפילו האבן אהארץ פון קופער. זאגט יוסף דוא קאנסט אפשר ניט ווארום סען זעהט אז דוא האסט איין הארץ פון רחמנות אבר דיינע ברודר קאנן אפשר יוא אום קלויבן. האחים אלע ברודר זאגן גיין דו קלויב אליין אום. זאגט יוסף איר זאגט רעכט, פונה ער קערט זיך צו יהודה אונ זאגט עס וואלט רעכט גוועזן דיך צו נעמן ווארום דו האסט מיך ־מליכע מאל דער צערינט מיט דיינע רייד נאר איך זעה אז דו ביסט אגרוסר מליץ מיין פון אלי

ברודר דרום הי״ת א״ו ! דו שיקן אהיים וועסטו קאנן פועל זיין בייא
דיין פאטר אז ער זאל שיקן דעם קליינם ברודר . יוסף זאגט צו איינם
פון זיינע בדינר ברענג דאס צעטיל פון זייער קומן. הט ער גבראכט
אונ יוסף זיכט אין דעם צעטעל א נ זאגט ווער הייסט שמעון בן
יעקב זאגט שמעון איך בין דאס. זאגט יוסף דוא ביסט געקומען אין
טוער התחסם דוא ביסט גלייך צוא דעם עוף הת״מם וואס ער איז
דורם אלע עופות אונ הט גאר קיין רחמנות בבן דוא זאלסט בלייבן
אין דער תפיסה . פונה יוסף קערט זיך צו די שרים אונ זאגט איך זעה
דם פנים פון דעם מענשען איז גלייך אזו ווי דר שר וואס ער הייסט גע׳
וואס ער איז פר טריבן געווארן ווייל ער הט געוואלט זיין איינעגעם ברודר
טייטן . יוסף הייסט דעם באדינר אז ער זאל אים אן טאן קייטן אויף
די פים אונ הט געווינקן צום מליץ אז ער זאל ארום גיין דר מליץ עיט
אוועק אונ די קייטן ווערט גטאן אויף די פום פון שמעון . שמעון זאגט
צו די ברודר היינט זעה איך אז דם צ״ז אויף אונז געקומן ווייל מיר האבן
געזינדיגט מיט אונזר ברודר יוסף אונ איך בין געוועזן דר ערשטר דרום
האב איך מיין יסורים פון אלע גרובסט איז גאט ב״ה וואס ער באצאלט
איטליכן מענשן נאך זיין פר דינסט :

טרם איידר די ברודר זענען אוועק געגאנגען זאגט יוסף גייט לשלום צו
אייער לאנד אונ לאזט גריסן פון מיינט וועגן אייער פאטר זא׳
זאגט אים אויב ער וויל אויך קומן אהער מיט זיין קליינם זון וועל איך
אים גרוס כבוד געבן אזו וויא איין זון האלט ערליך זיין פאטר. זאגט
יהודה מיר וועלן אים גווים זאגן נאר זייער ווייסט אויב ער וועט וועלן
ווארום ער איז איין אלטר מאן דער וועג איז אויף אים שווער. יוסף
זאגט חלילה איך זאל דאס שאפן ער בארף גווים מיך ניט פאלגן נאר
איך מיין אויב זיין רצון וועט זיין אז ער זאל קומן וועט ער בייא מיר
זייער חשוב זיין אונ יוסף הייסט אז מיזאל אן שיטן אלע זעק מיט תבואה
אונ דאס געלט זאל מען אויך אריין לייגן אין די זעק :

וילכו די ברודר גייען אוועק אונ זענען געקומן אויף איין הארבריג עפינט
איינר איין זאק כדי ער זאל געבן עסן דעם אייזל הט ער געפונען
דם געלט אין דעם זאק. זאגט ער איך וועל אייך זאגען בייעם דם געלט
וואס מיר האבן געגעבן פר דר תבואה האב איך געפונען אין זאק אונ זייא
האבן זיך זייער דר שראקן . ויבואו אונ זיי קומן אהיים אונ דר ציילן
דעם פאטר די גאנצע מעשה . ווי די תבואה איז אום געגאנגען זאגן די
ברודר מיר מוזן איין עצה האלטן וואס מיר זאלן טאן אז אונזר פאטר

זאל מיט אונז שיקען אונזער ברודער בנימין כדי מיר זאלן קאנן ציין קיין מצרים נאך תבואה :

ויאמר יהודה זאגט יהודה אזו זאלן מיר טאן מארגן פריא אז אונזרי קינדר וועלן שרייען עסין זאלן מיר זיי שוקין צו אונזר פאטר אז ער וועט זעהן אז אלע קינדר וועלן שרייען ברוט וועט ער בוודאי שיקן מיט אונז אונזר ברודר בנימין . האחים די ברודר זאגן דו זאגסט רעכט מיר וועלן אזו טאן ווי עס איז גקומן מארגן פרי אזו האבן אלי גשוקט די קונדר צו זייער פאטר . ויבואו זענן גקומן דיא קונדר פון ראובן אונ זאגן די טאכטר פון דעם מלך איז גקומן צו אונז אונ מיר האבן זי ניט מיט עפיס מכבד צו זיין . זאגט יעקב וואס הט בוי אייך צו טאן די טאכטר פון דעם מלך והבנים זאגן די קונדר דו האסט אונז גלערינט אז די נשמה איז איין בת מלך הייסט איז זי צו אונז גקומן גאנץ פרי אונ מיר האבן אירגיט וואס מכבד צו זיין ווארום עס איז אום גנאנגן דס ברוט . עוד זיי ריידן נאך זענן גקומן דיא בני יהודה אונ זאגן העלף נאט עס איז גקומן דר בעל חוב אונ הט ניט וואס צו נעמן זאגט יעקב ווער איז דר בעל חוב . הבנים זאגן דיא קונדר דר בויך פון דעם מענשן איז איין בעל חוב . עודם זיי ריידן נאך זענן גקומן די קונדר פון יששכר אונ זאגן מיר זענן אנטלאפן פון דר שביה אונ מיר זענן גקומן אהער זיך בהאלטן . זאגט יעקב פון וועמן זענט איר אנטלאפן הבנים די קונדר זאגן פון אונזר פאטר יששכר ווייל ער וויל מיט אונז לערנן מער איידר אונזר כח זאגט יעקב וואס איז הייסט מער פון תמיד זאגט ישוב איך האב גזעהן ביי איינם וואס וואונט אין דארף וואר שטיין א שטייגיל אוף דעם פענצטירל אונ דרינין וואר א פוגל זיא קאן ריידן אונ זינגן הב איך גזעהן אז דם וועגט זיך אן אים אז ער איז פרייליך אונ שטעלט זיך קענן פוגל מיט טאנץ אונ מיט גזאנג מאכט דר פוגל אים נאך אבר ווען ער איז טרויעריג אזו איז דער פוגל אוך טרויעריג . אזו דר נפש פון דעם מענשען אז ער עסט איז ער פרייליך קאן ער דר ציילן גאטס וווּנדר אונ לערנן מיט חשק אבער ווען עס איז ניט דא צו עסן איז גאנץ שווער תורה צו לערנן . בני די קונדר פון גד אונ דיא קונדר פון אשר זאגן דו האסט אונז גלערינט אז דר מענש איז איין עולם קטן ער איז גלייך צו דער וועלט אז דיא הימל גיבן רעגין ניט די ערד פירות אזו אז דר גוף הט ניט עפים צוא עסין קאן קען ניט תורה לערנן . עודם ווי זיי ריידן נאך אזו זענן גקומן די בני לוי אן גטאן מיט דעם שטעקין אין די הענט אונ זאגען מיר זענען

גקומן זיך בענשן אונ זאלסט אוף אונז מתפלל זיין אז מיר זאלן מצליח זיין ווארום מיר גייען אין אווייטין וועג. זאגט יעקב וויא אהין גייט איר זאגן דיא קונדר קיין מצרים. זאגט יעקב נאך וואס גייט איר קיין מצרים זאגן זיי מיר האבן גמאנט אונזר פאטר ברוט האט ער גזאגט דם ברוט איז אום גנאנגן פאלגט מיך גייט צו אייער פעטר קיין מצרים אונ זעצט זיך לעבן אים אין דר תפיסה דארטן וועט ער גווים האבן צו עסן. אזו פאלגן מיר אונזר פאטער עס איז ליבר צו זיצן אין דער תפיסה איידר הונגר צו לייזן. יחציאל בן נפתלי זאגט צו זיי איר ווילט גיין אין אזו איין ווייטין וועג זעגט איר נארין ווארום עס איז גאר ניט מיגליך ווארום איר הט קיין כח ניט זעהט נאר די שוף גייט אוף דעם ים מיט סחורה קאן זי ניט גיין ביז מען טוז זיא אן פילן מיט שטיינר כדי זי זאל שווער זיין. אזו דר מענש ווען ער וויל גיין טוז ער פריער דעם בויך אן פילן. ימואל וימין ואוהד די קונדר פון שמעון זענן גקומן אונ טרייבן אוועק אלע קנעכט. זאגט יעקב וואס טוט איר קונדר זאגן זיי וואס בדארפסטו האלטן פרעמדע קנעכט בעסר קוף אונז פר קנעכט פר דעם שטיקיל ברוט ווארום אונזר פאטר איז געביך אין דר שביה אין מצרים האבין מיר קיין אנדרע ברירה ניט נאר מיר וועלין זיך פר קופן פר קנעכט. זאגט יעקב ווי זים אונ ציטלך זענן אייערי רייד נאר וואס קאן איך אייך העלפן. וישאו אלע קונדר הייבן אוף זייער קול אונ וויינן זייער שטארק, יעקב זאגט צו אלע קונדר איר הט גשטארקט אוף מיר אייערי רייד איך פיל דעם טעם פון טוט רופט מיר אייערי פאטרם. די קונדר גייען אונ שוכן זייערי פאטרם. יעקב זאגט צו זיי אייערי קונדר שרייען ברוט אונ איר שווייגט גייט קיין מצרים אונ נעמט מיט מיין זון בנימין אונ אוך אמתנה פון דיא שענסטע פירות פון דעם לאנד אונ איך וועל אייך געבן איין בריב צו דעם משנה למלך אונ גאט זאל אייך העלפן אז ער זאל אוף אייך רחמנות האבן:

דאס איז דער בריב פון יעקב צום משנה למלך:

צופת דער הער לוגט פר בארגנע זאכן. פותר ער בשייד חלומות צוא גשייכן. נותן לחם ער גיט ברוט צו הונגריגע אונ צוא ארימע אונ צו רייכע. תהלתו זיין לוב דר ציילן דיא לייט ווינדר אונ צייכן. פארותו זיי טוען אים בשייגן אונ דער הייבן. עוזו זיין שטארקייט אונ זיין נעמלטיקייט טוט אין די עקין פון דר וועלט גרייבן. נפשי מיין לייב גלוסט אים צו זעהן מיט פרייד אונ לעבן. חנא חן אונ חסד זאל ער פון גאט גרייבן: נאך דעם אז איך הב גגעבן דם פריד פון אט איך

ניררינן צי אזו איין הויכן שר הייב איך אן צו ריידן מיט אזו אביטר הארץ אונ פון מיינע אונן רונן טרערן אזו ווי וואסר צו דר ערד אין מיין לעבן האב איך גהאט פיל צרות נאר גלובט איז גאט ב"ה ער הט מיך גבענשט מיט צוועלף קינדר דס איז מיין גאנצע פרייד אוף דר גאנצר וועלט. איינער פון זיי איז מיר פר לארין איך קאן מיך אוף
אים ניט טרייסטן ביז איך וועל אים גפונן:

והנה דר הונגר איז אין לאנד כנען זייער שטארק דרום הב איך גשיקט מיינע צעהן קינדר למצרים קארן קופן אונ הב זיי אן גזאגט זיי זאלן ניט אריין גיין אלי אין איין טויער מחמת איין עין הרע. מיינע קינדר זענן צום הערן גקומן פר שפייט אבר זייא זענן גווים ניט קיין מרגלים נאר ערליכע לייט עס גפונט זיך גיט אזעלכע גאטס פארכטיגע לייט אין דר גאנצר וועלט עס וואונדרט מיך אוף דעם הערן וואס ער שטרייט מיט אזעלכע צדיקים. ווען דר הער הט יוא עפס אין חלום גזעהן וועל איך אים גווים פותר חלום זיין. נאר איך הב גהערט אז דר הער קאן פותר חלום זיין איז מיר הייגט אווינדר וואס דר הער הט אן גנומן איין פאלשן חלום פר איין אמת. נאר מיינע קינדר די זענן חכמים האבן מיר דר ציילט זיין חכמה איז זייער גרוס אזו ווי זיי האבן גהערט. נאר מער מיהט חכמה הט מען מער כעס דרום האט ער בווייזן פיל כעס אקעגן מיינע קינדר. דרום מיין הער איך שיק דיר מיין זון בנימין אונ איך בין מבטל מיין רצון קעגן דיין רצון נאר דר הער זאל וויסן אז דס קינד איז ביי מיר זייער טייער זיין אהבה ברענט אין מיר אזו ווי פייער איך שרעק מיך אים צו שיקן אזו איין וייטן וועג אז עס זאל זיך אים חלילה ניט טרעפן אזו ווי זיין ברודר יוסף וואס איך טרויער אוף אים אייביג דרום בעט איך דעם הערן אז דר הער זאל אוף אים רחמנות האבן אונ זאל אים מיט אלע ברודר אפ שיקן צוריק אזו ווי דר הער הט גזאגט ווארום ווען ניט זאל דר הער וויסן אז איך וועל אוף מיין עלטר קיין רחמנות ניט האבן אונ וועל צו אים אליין קומן אונ וועל פאלן פר זיינע פוס אונ וועל מעורר זיין דס הארץ מיט הייסע טרערן אונ ווען דאס וועט אויך ניט העלפן האב איך איין וועג וואס איך הב ירושה פון מיינע עלטרן תפלה צו טאן פאר גאט מיין בשעפער ער וועט מיר גווים העלפן אונ ענטפערן אוף מיין תפלה. איך בין שון פון פיל צרות ניצול גווארן דורך מיין תפלה אונ הב נאך גזעהן די חרבות פון מיינע שונאים איך בעט דעם הערן אוף מיינע ווערטר זאל ער מיר מוחל זיין ווארום איך רייד דס מחמת מיין ביטר הארץ מיט חן זאל דר

הער מאריך ימים זיין מיט ווייב אונ קונדר אונ זאל מצליח זיין אין זיין מלוכה כל ימיו. פון מיר זיין קנעכט יעקב בן יצחק בן אברהם העברי:

ויקחו די ברודר נעמן בנימין אונ גייאן קיין מצרים אונ יוסף זעהט אז זיין ברודר בנימין איז אויך דא. זאגט ער צוא זיין משרת ברענג די מענשן אין הוז אריין אונ מאך אשיינע סעודה ווארום זיא וועלן היינט מיט מיר עסן. אונ זיי ווערן געבראכט אין הוז אריין אונ זיי גיבן אים די מתנה אונ יוסף זאגט איז שלום צו אייער אלטן פאטר איז ער געזונד אונ זיי זאגן גלויבט איז גאט ב"ה ער איז געזונד אונ גיבן אים דעם בריב ווי יוסף הט דר זעהן דעם בריב הט ער געוואלט וויינן איז ער אריין געגאנגן אין איין באזונדר חדר אונ האט געוויינט דעם בריב אונ הט זייער געוויינט אונ דר נאך האט ער געהייסן גרייטן צום טיש אונ זיי גייאן אלע אין איינם עסן. נאך דעם עסין הט יוסף געשיקט אונ הט גרופן די עלצטע חרטומי מצרים ממרא אונ יוחני זיי קומן אונ זאגן. מיר זענן געקומן וואס בדארף דר הער. די כוונה פון יוסף איז געוועזן ווייל ער וויל זיך מיט זיי דר קאנן הט ער געוואלט ווייזן די מצרים אז זיי זענן גרוסע חכמים דרום הט ער געהייסן ריפן די גרעסטע חכמים פון מצרים זיי זאלן מיט זיי איין וויכוח האבן:

ויאמר אונ יוסף זאגט צו די חכמים פון מצרים די לייט זענן איינקלך פון אברהם העברי וואס מיר האבן געהערט דר ציילן זיין גרוסע חכמה אונ דס איז געוויס אז דר מענש מאכט ירשנן זיין חכמה צוא זיינע קונדר דרום וויל איך אז איר זאלט זיי שאלות פרעגן פון דר חכמה וועלן מיר זעהן וואס פר תשובות זיי וועלן ענפרן. פונה יוסף קערט זיך צו די ברודר אונ זאגט איר עברים לאזט אונז הערן די זוסע חכמה פון אייער עלטר פאטר אברהם העברי. וועלכר צווישן אייך איז דער גרעסטר חכם דר זאל צום ערשטן ענפערין. ויורו זיי ווייזן אלע אויף יששכר אונ זאגן היינט איז ער צווישן אונז דר גרעסטר חכם. ווארום אונזר ברודר וואס ער איז פר לארן געווארן איז מיין הכם געוועזן פון אים. אונזר פאטר הט אים געלערינט אלע שבע חכמות. זאגט יוסף עס פאר דריסט מיך אויף אייך ווי פר לירט מען אזו איין טייערע זאך. זאגט יהודה לאמר דר פון ניט ריידן ווארום אז מיר דר מאנן זיך אן אים שטארבן אין אונז אלע איברים ווארום דס איז דורך אונזרי עבירות. אונ די ברודר הייבן אלע אן צו וויינן. זאגט יוסף וויינט ניט אז גאט וועט וועלן וועט איר אים נאך געפונן איך וועל אים אויך זוכן אפשר אז גאט וועט וועלן וועל איך זיין דר שליח אויף צו זוכן אים. זאגן די

ברודר הקנאי אבר ווער ווייכט ווען דם וועט זיין. זאגט יוסף אז גאט וועט וועלן קאן דם זיין היינט אודר מארגן ביי גאט איז אלס מעגליך. יוסף זאגט צו יוחני דו חכם הייב אן צו פרעגן נאר כסדר. זאגט יוחני איר עברים זאגט מיר נאר וואס איז אייער גלויבן. יששכר זאגט אונזר גלויבן איז אז דר בשעפר הט בשאפן די וועלט די הימל אונ די ערד אונ אלץ וואס עס געפינט זיך אין זיי אונ די ימים אונ וואס אין זיי איז פר האנדן אין זעקס טעג אונ אין דעם לעצטן טאג הט ער בשאפן איין מענש דס איז דס בעסטע בשעפניש אונ הט אים געגעבן אלעבעדיגע נשמה אונ הט אים געגעבן חכמה אונ בינה ער זאל שכל האבן אפ צוא קלערין אז עס איז דא איין בורא כדי ער זאל אים דינן. מיר האבן איין אלטן פאטר וואס מיר זעהן אלע טאג זיין צדקות אונ מעשים טובים וויא ער פירט זיך מיט גאט אונ מיט לייט ער הט פול שכל אונ איז איין ירא שמים פון זיין מול גייט ניט ארוס קיין פארשקייט אונ ער איז קיינעם ניט מקנא. דיא גאנצע צייט פר ברענגט ער נאר אין גאטס דינסט ווי עס הייבט אן צו טאגן געפונט מען אים שון זיך בוקענדיג אונ אוף דר ערד ליגנדיג אונ זיינע הענד פאר שפרייט ער צום הימל ער מאכט זיין געבעט אונ זיין תפלה צום אלמעכטיגן גאט וואס ער הט דיא וועלט בשאפן, זיינע מחשבות אונ אלע כוחות זענן נאר צו דר תפלה ווען עס זאל קומן אין דר צייט אז ער טוט תפלה איין צו פאל שרעקט ער זיך גאר ניט נאר ער טוט תפלה פר גאט ב"ה. עס הט זיך איין מאל געטראפן אז ער הט תפלה געטון דר ווייל הט זיך אוף געהאבט אגרויסר שטורם גאר אשרעקליכער דר צו ברעכט הייזר אונ ביימר אונ אלע מענשן פאלן צו דער ערד וועגן גרוס דר שרעקניש אבר ער שרעקט זיך גאר ניט אונ טוט זיין תפלה צו גאט אזו ווי מען בדארף. מיר האבן פר שטאנן וועגן גרוס דביקות אין גאט ב"ה. הט ער דס גאר ניט געהערט. אונ נאך דער תפלה גייט ער אוף דר גאס ווי ער זעהט איין אורח נעמט ער אים ארייין אין הוז אונ גיט אים עסן אונ טרונקן אונ ווען דער אורח פאר זאמט זיך עטליכע טעג לערינט ער אים דעם רעכטן וועג ווי אזו מען זאל גאט ב"ה דינן אזו פירט ער זיך אלע צייט ער גוט פול צדקה צוא די ארעמע לייט אונ איין יתום אונ איין אלמנה העלפט ער אונ מאכט שלום צווישן דיא לייט וואס קריגן זיך אזו איין מאן וועסטו אוך ניט גלייבן אדר דו וועסט אים יוא גלייבן זאגט יוחני ווארום זאל מען אים ניט גלייבן אזו איין מענטש אז ער געפונט זיך אוף דר וועלט איז

ער קיין מענש ניט גאר איין מראה :

יששכר אונ יהודה אונ די איבריגע ברודר זאגן . דאנקן אין לובן גאט
ב"ה ער לעבט נאך אונ ווען דו חכם ווילסט גיין מיט אונז קיין
כנען וועסטו אים זעהן אונ וועסט ערשט פון אים הערין חכמות אונ
תבונות אונ וואס דוא וועסט מיט אים מיין זיין וועסטו זיך מיין פאר
וואונדרן אויף די חכמות וואס דו וועסט פון אים הערן . זאגט יוסף איך
האב געהערט פון אים . זאגט יששכר מיט דעם פרוטקויט הט אונזר
פאטר געפונן אונזר עלטר פאטר אברהם אונ אברהם נח אונ נח מתושלח
אונ מתושלח אדם הראשון אונ מיר זענן דר זעקסטר דור וואס מען הט
מקבל גוועזן די אמונה . זאגט יוחני איר זייט גרעכט מחמת איר האט
קבלה פון אייערע עלטרן נאר איך וואלט אבר גערן אז איר זאלט
מיר אפ קלערן מיט שכל . זאגט יששכר אונזר עלטר פאטר אברהם
הט גזאגט אזו ווי איינר הט אין דער גאז איין ריח רע אונ וויל שמעקין
אגוטן ריח איז דאך ניט גמאלט צו שמעקין דעם גוטן ריח איבר דעם
ריח רע . אזו איז ניט גמאלט צו לערנן די חכמה אונ מזאל נאך גיין
נאך תאוות עולם הזה . יוחני שווייגט אונ יוסף זאגט ווי געפעלט אייך די
רייד פון די עברים זאגט יוחני זענן זוס ווי האניג . יששכר זאגט ווייטר
הער צו אלע מענשן וואס געפונן זיך היינט אויף דער וועלט קומן ארוס
פון נח זאגט יוחני יוא , זאגט יששכר אונ ווי זענן די איבריגע לייט
פון זיין דור . זאגט יוחני זיי זענן געשטארבן אין מבול . זאגט יששכר
פאר וואס איז נח ניט געשטארבן אין מבול זאגט יוחני ער איז ניצול
געווארן דורך דר תיבה אונ האט אריין גנומן פון איטליכן מין כדי עס
זאל ווידר ווערן איין וועלט . זאגט יששכר אונ ווער הט געבראכט דם
מבול מוזן מיר זאגן אז עס איז פאר האנדן איין בורא וואס ער איז משגיח
אין דר פון דר קלערט אז די גאנצע וועלט ווערט געפירט דורך השגחת
הבורא . יוחני למסרא זאגט יוחני צו מסרא הייב דו שוין אן צוא פרעגן
ווארום דו בוזט אזו אחכם ווי איך . זאגט מסרא דו האסט גזאגט אז
דר מענטש איז דם בעסטע בשעפניש אויף דר וועלט אונ היינט נאך
דיינע רייד וואס דו זאגסט איז זיך דר מענש הויכר פון אלע . זאגט
יששכר אזו איז דר מענש איז דם בעסטע בשעפניש אין דר גאנצע
וועלט אונ ארץ איז בשאפן געווארן פון זיינט וועגן אפילו דם וואס אין
היכל די לבנה איז בשאפן צו לייכטן דעם מענטשן אויך ער זאל וויסן
טאג אונ נאכט אונ יארן צו רעכענען זעה נאר ווי עס ווערט נאכט בלייבן
אלע שטול כדי דער מענש זאל זיך אפ רוען אונ דיא גאנצע נאכט

וואקסט אין פעלד אלע פירות ווען דעם מענשן דר מענש וואכט אויף אין דר פריא געפינט ער די ערד ניט פירות אונ גאלד אונ זילבר אלע בשעפ׳ניש זענן אלץ פון דעם מענטשינס וועגן פייא אין הימל פייא אויף דר ערד דרום דר מענטש וואס ער האט שכל איז ער מחויב צו לובן גאט ברוך הוא מיט גרוס פרייד כל זמן די נשמה איז אין אים :

ממרא זאגט איך ווייס ניט ווי דיין שכל קאן אזו פאר שטעלן ווי קאן דס זיין אז דר מענש וואס ער איז בשאפן געווארן אונ ווען ער עסט ניט איז ער שלאף אונ ווען ער טרינקט ניט איז ער שלאף אונ ער מוז שטארבן אונ ווערט ערד אונ דיא ווערים עסן אים נאכן מיר זאגן אז די זאכען פון דעם הימל וואס זיי זענין גאר וואונדרליך זענען זיי בשאפן געווארן פון דעם מענשינס וועגן . לוי זאגט זאג מיר מיט וואס פר איין מעלה האט דר מענש צו זאל איך זאגן ווייל ער איז גרוס איז פר האנדן בייטר וואס זענן גרעסר פון אים . זאלן מיר זאגן מחמת ווייל ער איז שיין געשטאלט געפונן מיר שענרע ברואים פון אים מוזן מיר זאגן אז מיט דעם גוף האט דער מענש קיין מעלה ניט נאר מיט דער נשמה וואס זי איז העכר פון אלע נשמות . ממרא זאגט דיא פילוסופים זאגן אז אנטר די שטערן איז פר האנדן נאך וועלטן ערדן אונ אלץ וואס דא איז . יששכר זאגט דס איז אזו ווי עס האט זיך געטראפן אין דר שטאט בנריאת אז עס איז געקומן א מענש וואס ער האט געהייסן איתני צו די שופטים מיט א גרוס געשריי אונ זאגט איך האב צו קלאגן אויף דעם ירושלמי מיר ביידע האבן געקופט ברוט מיר זאלן האבן צווא עסן אונ איך בין אוועק געגאנגן האט דר ירושלמי אויף געגעסן דס ברוט אליין . די שופטים האבן געשוקט נאך דעם ירושלמי זאגט דר ירושלמי הערט צו איר שופטים וואס איך וועל אייך דר ציילן איך אונ דר איתני זענען געגאנגן אין וועג זענן מיר געקומן צו איין הארבריג האב איך געוואלט פריער אריין גיין אין שטוב אריין, האט ער מיך ניט געלאזט אונ זאגט איך בדארף פריער אריין גיין האב איך אים געפרעגט פר וואס קומט דיר אז דו זאלסט פריער אריין גיין ווארום איך בין עלטר פון דיר אונ פון דיין פאטר . זאגט ער אז דו בוסט עלטר קומט דיר אז דו זאלסט פריער שטארבן אונ כבוד קומט צו די וואס זענן חכמים. פרעג איך וואס פר א חכם ביסטו זאגט ער איך האב חכמה פון חקירות . ויהי וויא עס איז געקומן מארגן פרי קופן מיר בחברותא דעם ברוט . זאגט ער צו מיר היינט זעה דו זעסט מיט דיינע אוגן נאר איין ברוט אבר דר אמת איז צו דעם ברוט איז דא נאך איין ברוט וואס דו זעהסט ניט מיט די אויגן אבר איך מיט מיין

שבל זעהאיך יוא אונהאט מיר גבראכט פיל ראיות אונ מופתים הב איך אים
גמוזט מודה זיין. דר וויל איז ער אוועק גגאנגן אונ האט זיך פר זאמט אונ
בין זייער הונגעריג גוועזן הב איך מיך מיישב גוועזן עס איז דא צווייא
ברוט ווס איך זעה אונ וואס איך זעה ניט אונ ביידע זענן בחברותא
הב איך גנומן דס ברוט ווס איך זעה אונ דס אנדרע ווס ער זעהט
הב איך אים איבר גלאזט. נוא זאג אוב איך זאג עפס ליגן. דער
איתני בלייבט פר שעמט אונ די שופטים הייבן אן צו לאכן. זאגט
מטרא איך הב גהערט פון דיינע רייד אז עס וועט איין צייט קומן אז
די נשמה ווס זי איז פון דעם ארום גפלוגן וועט זי זיך ווידר אום קערן
אין איר גוף. זאגט ראובן עס איז גוויס אמת אזו האבן מיר גוארשנט
פון אונזרע עלטרן אז עס וועט זיין תחיית המתים די נשמה וועט ווידר
קומן אין אירן גוף. נו וועט גאך מיין כח געבן אין דעם גוף ווי צום
ערשטן אונ ביידע באנגדר וועלן רוען אויף דר ערד. זאגט מטרא די
זאך איז ביי מיר שווער צוא גלויבן. זאגט ראובן דאס קאן ניט מיין
שווער זיין ביי דיר פון דר אמונה פון דעם בורא אונ אז די וועלט האט
גאט בשאפן פון גאר נישט מכ"ש אז ער קאן צוריק בשאפן אזעלכס
ווס איז שון אמאל גוועזן בעשאפן אויף דר וועלט. זאגט מטרא ביי דר
אמונה פון דעם בורא זאנכטו רעכט: בנימין זאגט איטליבר מענש זאל
דינן גאט ב"ה מיט אהבה אונ מיט יראה אזוי קאן ער קומן צוא דיא
מעלה ווס אונזר פאטר יעקב אונ אונזר עלטר פאטר יצחק זענן גקומן:
יוחני זאגט איך וועל דיך פרעגן ווי קאן מען איין זאך ליב האבן וואס
מען זעהט עס ניט. בנימין זאגט האסט גוט גפרעגט נאר איך וויל דיך
אויך פרעגן דו חכם האסטו ליב אונזר העבר דעם משנה למלך. זאגט
יוחני איך הב אים ליב איין שטארקי ליבשאפט. בנימין זאגט צוא
יוחני זאג מיר ווארום האסטו אים ליבר פון אנדרי מענשן. זאגט יוחני
איך הב אים ליב וועגן זיין שיין פנים ווס ער לייכט אזו שיין. בנימין
זאגט ווען דס איז אזו האסטו ניט ליב דעם משנה זונדרן זיין גשטאלט
אבר דיא אהבה איז ניט בעצם ווארום עס פינדט זיך נאך זעלכי
גשטאלטן נמצא האסטו ניט דעם משנה בעצם ליב זונדרן זיין שיין
גשטאלט, יוחני וואונדרט זיך אונ זאגט צו בנימין איך וויס גאר ניט
צו ענטפרן. בנימין זאגט דו קאנסט אנדר"ש ניט זאגן זונדרן דו האסט
ליב די מדות ישרות אונ די חכמה וואס דר משנה האט נקצא ווס דוא
זעהסט האסטו ניט ליב זונדרן דס וואס דוא זעהסט ניט. אזו אויך כל
זאכן ווס עס פינדט זיך אין דיא גאנצע וועלט העננט נאר אין דעם

חורא ברוך הוא וברוך שמו אונ ווען גאט ב"ה זאל חלילה אפ טאן זיין השגחה קאן דיא וועלט חלילה חרוב ווערן דם זעגן מיר מאמין אונ קענן משיג זיין אבר דעם בורא בעצמו איז אום מיגלך משיג צוא זיין ער איז נאר אן סוף דרום קאן שון יוא זיין אהבה וויא מיר האבן גרעט אונ ווער עס הט פר שטאנד קען דס ליבט בגרייפן :

יששכר זאגט אצונד מוזן מיר מודה זיין אז איר האט רעכט אונ אייערי ווערטר זענן מיט גרוס חכמה נאר אצונד וועלן מיר שון ענדיגן דר טאג פר גייט אונ פיליכט וויל דר הער משנה זיך אביסל אפ רואן אונ מיר ווילן גיין צו הויז אייערע ווערטר גאנץ קלאר איבר צו לייגן :

יוסף להאחים יוסף זאגט צו די ברודר מיר וועלן וויין טרונקן אונ לאזן מיר מאכן אונזר הארץ פריילך יהודה זאגט דר הער קאן טרונקן אונ לאז אים דר וויין צומלך אונ זוס זיין אבר מיר ווילן ניט טרונקן. יוסף זאגט ווארום הט איר אזו פיינד דעם וויין אונ ווארום ווילט איר ניט טרונקן פר וואר איך הב דעם וויין אוך ניט זייער שטארק גערן זונדר צו צייטן ווען עס טרעפט זיך איך בין צו זאמן מיט לייט די מיינע ליב האבר זענן טרונק איך צו זאמן אבר שון איין לאנגי צייט איז אז איך הב אים ניט גטרונקן נאר אבר איך מעכט גערן וויסן ווי שוקט זיך איין זאך פיינד צו האבן וואס אלי מענשן האבן עס ליב. יששכר זאגט ניט ווען פיינד שאפט דעם וויין טרונקן מיר אים ניט. זונדרן פון דר צייט דם אונזר ברודר איז פון אונז פר לארן איז כמעט צוויישן אונז איין שבועה מיר זאלן ניט טרונקן וויין. יוסף זאגט זאגט מיר נאר ברודר איז היינטיגר טאג ביי אייך אפרייד טאג אודר ניט. זאגט יהודה ווארום דען ניט ווען מיר האבן חן אונ חסד באקומן אונ די אויגן דאס הערינס אונ מיר האבן זוכה גוועזן ביי זיין טיש צו עסן ווי זאל ניט זיין אונזר הארץ פריילך. יוסף זאגט ווען דאס יוא איז גהערט איר צוא טרונקן וויין אזו ווי איין פייער טאג. יהודה זאגט לכבוד אונזער הערן ווילן מיר מבטל זיין אונזר רצון אונ צו טאן דעם ווילן פון דעם הערן וישתו עמו זיי טרונקן מיט אים וויין ואחרי כלות וויא עס ענדיגט זיך דאס טרונקן זאגט יוסף צוא דיא ברודער אצונד מיינע ליבע ברודר גייט יעדעריר אין איין עקסטרא צימער אין מיין פאלעץ אונ לייגט אייך יעדריר אוף איין בעט זיך אום צוא רואין אונ איך בין גוואונט תמיר נאך דעם עסן איין שעה אודר צווי צו גיין שפאצירן אז וויל איך אצונד אוך גיין. זאגט יוסף צו בנימין קום מיט מיר אביסל אין מיינעם גארטן דארטן זיך צו שפאצירן אונ זאגט צו בנימין מיין ליב קינד איך

מעכט נערין דוא זאלסט מיט דייני ברידר עטליכע טאג פאר בלייבין ; האסט לייט זעליקייט אין מיינע אויגן גפונן . בנימין זאגט די זאך איז גאנץ אוסמיגליך צו טאן ווארום ביי אונזר אלטין פאטר איז איטליכר טאג פאר איין יאר גרעכינט ביז זייני אויגן וועלין מיך זעהן דער העהר זאל זעהן ווי שרעקליך מיין פאטר האט גוויינט ווען ער הט מיך מיט מייני ברודר אהער גשוקט וואר איך לעב ווי פיל בלומן אין גארטן איז אזו פול טרערין הט מיין פאטר גלאזט אין דר צייט. זאגט יוסף צו בנימין זאג מיר דעם אמת וואס הט אייער פאטר גרעט אוף דיזין וואס איך האב מיט דייני ברודר גשריבן . זאגט בנימין ער האט זיך זייער שטארק פר וואונדרט . זאגט יוסף איך קאן מיך שון ניט מער אוף האלטן איך מוז דיר מגלה זיין וס פר בארגן אין סוד איז נאר דו זאלסט פר מייני ווערטר ניט שרעקן . מחריש ער שווייגט איין קלייני ווייל אונ דר נאך זאגט ער זאלסט וויסן מיין ליב קונד דיין ברודר וס איז פר לארן גווארן דר איז אין דיזן לאנד צו איין קנעכט פר קופט גווארן אונ אצונד דינט ער ביי דעם מלך פון אונזר לאנד מצרים אונ ער הט מיך גבעטן איך זאל מיט דייני ברודר אזו וויט שטרייטן ביז זיא זאלן דיך מוזן אהער ברענגין כדי ער זאל קענן מיט דיר פה אל פה ריידן . בנימין דר שרעקט זיך זייער אונ צין גשטאלט ווערט אים פר ענדרט. יוסף גרייפט אן בנימין מיט זיין האנד אונ זאגט וס שרעקסטו זיך מיין קינד שרעק זיך ניט . בנימין פאנגט אן מיט גוויין אונ גבעט אונ זאגט גנעדיגר העהר ווי איז ער איך בעט דיך באפעל מיט דיין גנאד צו נעמן מיין לייב מיט זיין לעבטיגן גשטאלט איך זאל אים זעהן אונ אוך זייני צימליכי אונ זיסי ווערטיר צו הערן . יוסף זאגט וס קאן איך דיר העלפין מיין קונד עס איז איין גזעץ פון דעם מלך דר וס ווערט אהער פר קופט צו איין קנעכט זאל שון ניט מער גוויזין ווערין צו זייני ברודר אוך ניט צו זיין פאטרס הויז גזונד ווען דס הויז גזונד פון זיין פאטר וויל מיט אים ריידן זאל מען אים שטעלן אונטער אוואנט פון דארטן קאן מען מיט אים ריידן דרום אויב דו ווילסט מיט אים ריידין שטעל דיך אונטער דר וואנט פון מערב אונ איך וועל אים היישין ברענגן צו די אנדרי זייט וועסטו מיט אים קאנן ריידן. יוסף גייט פון דארטן אוועק שטעלט זיך אונטער די וואנד אונ רופט צו בנימין אונ זאגט פריד צו דיר מיין ליבר ברודר בנימין אונ פריד צו אונזער אלטר פאטר לעבט ער נאך . בנימין זאגט מיט גוויין עס איז פריד צו אונזר פאטר ער לעבט נאך ב"ה ווי גייט עס דיר מיין ליבר ברודר יוסף . יוסף זאגט פון דר צייט אן וואס איך

בין פון מיין דפאטרס הויז גיגאנבת גווארן אונ בין פר איין קנעכט פר
קופט גווארן האב איך פיל צרות אום גשטאנין אוך האב איך פול טוט
שרעקניש אוף מיר גהאט ביז דר אלמעכטיגר גאט הט זיך איבר מיר
דר בארעמט ווען די היליקייט פון אונזר פאטר אונ מיך פון אלי
צרות באשעריםט אונ אצונד בין איך איין משרת ביי דעם מלך עס
פעלט מיר ניט דס מינסטי זונדרן צו זעהן מיין פאטרס גשטאלט אונ
אוך דיין גשטאלט . בנימין זאגט אצונד זעה איך אז עס איז אמת וואס
מען זאגט לב יודע מרת נפשו דאס הארץ ווייסט דאס פאר ביטרטי לייב
דרום וויל זיך אונזר פאטר ניט טרייסטן אוף דיר . בנימין פאנגט אן
מיט גוויין אונ זאגט גיב גאט איין שטורם ווינד דר וואס פר ברענגט
שטיינר אונ בערג דר ווינד זאל אוך אצונד איין ברעכן די וואנד איך
זאל קעני זעהן דיין לעבטג גשטאלט נאר אבר ברודר דר ציילמיר ווי דו
בוסט אהער גקומן אונ ווער הט דיך אהער גבראכט כדי איך זאל וויסן
צו דער ציילן אונזר פאטר . זאגט יוסף די פר ציילונג איז זייער לאנג
אונ ברייט עס איז אוממיגליך דס צו פאר ציילן זונדרן פנים אל פנים
ווייסטו וואס ברודר בעט דעם משנה למלך ער איז איין גוטר מאן ער
זאל מיט זיין גנאד בפעלן מען זאל אונז צו זאמן ברענגען פנים אל פנים
וועל איך דיר פר ציילן דעם גאנצן שורש פון אן פאנג ביז צום לעצטן .
בנימין זאגט דר משנה למלך הט מיר גזאגט אז עס איז איין גזעץ
פון דעם מלך איין קנעכט ניט צו ווייזן צו זיינע ברודר . יוסף זאגט
זאלסט וויסן ברודר וואס דר משנה וויל קאן ער טאן . וימהר יוסף
איילט אונ גייט פון דארטין אוועק אונ קומט ווידער אין גארטין ויפול
פאלט בנימין צו זייני פיס מיט גוויין אונ זאגט דר בארמיגר אונ גנעדיגר
הער ערוועק דיין רחמנות איבר אונז צווי ברודר אונ בפעל מיט דיין
גרוסין גנאד מען זאל אונז ביידי צו זאמין ברענגן האטשי נאר אויף
איין קליינ שעה וועל איך וויסין דס איך האב לייט זעליקייט גפונן אין
דייני אויגין אונ ווען ניט וואלט מיר ליבר גוועזין אז איך וואלט נאר
ניט גוויסט פון אים . יוסף זאגט צו בקין איך וועל פון דיר אוועק גיין
אונ דו גייא ברענג זיין ברודר אהער בנימין פרייד זיך זייער ער בוקט
זיך צו יוסף אונ זאגט איך דאנק דיר טייל איך האב לייט זעליקייט
גפונין אין דייני אויגין ויצאו זייא גייאין אוועק יוסף אונ זיין דינער באלקן .
אונ באלקן נעמט אן יוסף ביי זיין רעכטי האנט אונ ברענגט אים אין
זיין גארטין אונ שטעלט אים פר בנימין . ויחרד בנימין ערשרעקט זיך
זייער אונ יוסף זאגט פריד צו דיר מיין ליבר ברודר בנימין וואס

שרעקסטו איך בין פר וואר דיין ברודר יוסף דר זון פון אונזר פאטר יעקב אונ דר זון פון אונזר מוטר רחל וואס זיא איז געשטארבן אונטר וועגנס ווען זיא האט דיך געבארן. לבלקין יוסף זאגט צו זיין דינר בלקין אצונד גיי דו צו הויז אונ חלילה זאלסט פאר קיינים זאגין וואס דו האסט דא צו געזעהן ביז נאך מארגענדיגן טאג אונ ווען דו וועסט יוא זאגין איז דיין קאפ פאר ביי. בלקין איז צו הויז געגאנגין אונ יוסף זאגט צו בנימין קום ברודר איך וועל דיר דר ציילין די וואונדר פון דעם אלמעכטיגן גאט אונ יוסף דר ציילט אים אלץ וויא עס האט זיך אים פאסירט מתחלה ועד סוף. זאגט בנימין אצונד וויים איך וועגן וואס זיי טרויערין אזו אויף דיר פון ערשטין אן פאנג ביז אצונד ווען אויך זיי ווארין דיך ניט ליב האבן דענסטמאל. יוסף זאגט צו בנימין זאג נאר ווי אזו האבן זיי אונזר פאטער מבשר געוועזן וועגן מיר אונ וואו איז די זאך געוועזן. בנימין פר ציילט אים אלעס. ויבך יוסף ווייגט זייער אונ זאגט עס איז מיר איין וואונדר ווארום איז אים ניט בנבואה גזאגט געווארן די גאנצי זאך. בנימין זאגט עס איז מיר אויך איין גרוס וואונדר זינט דיא צייט איז פון אים די רוח נבואה אפ גטאן געווארין. יוסף זאגט זאלסט וויסין ברודר דרום האב איך מיט זייא אזו געשטריטן חלילה ניט פון וועגין פיינד שאפט ווארום מיר זעהן יוא אז דם אלץ וואר פון גאט עס איז איין וואונדר דם גאט ב״ה האט מיך געשיקט אהער איך צו שפייזין נאר אבר דם ווייס איך דם גאט ב״ה איז איין בעל הגמול דאס הייסט ער בצאלט דעם וואס טוט שלעכט דרום האב איך זייא ליבר פר איר שלעכטי מעשים אפ גצאלט כדי זייא זאלין ניט געשטראפט ווערן פון גאט ב״ה אצונד זעה ברודר ווי איך האב זיי בצאלט מדה כנגד מדה אלס איינס קעגן אנדרין איך בין צו זיי געקומען אין דם פעלד האבן זיי זיך באראטין מיך טוט צו שלאגין אזו האב איך זיי געהאלטן פר מרגלים איז אויף זיי געפאלן דער טוט שרעקעניש אויך אזו וויא זייא האבן מיך אין גרוב אריין געווארפן אזו אויך האב איך זיי געזאצט אין די תפיסה זעצין אויך אזו וויא זיי האבן מיך געמאכט דר שרעקן ווען זיי האבן מיך פר זילבר פר קופט אזו אויך האב איך זיי געמאכט דר שרעקין ווען זיי האבן געפונין דם געלט אין זייערי זעק נאר נאך פאר איין זאך האב איך זיי צו פר געלטין וואס זייא האבן אונזער פאטר די בשורה געזאגט פון מיר אז איין חיה רעה האט מיך אויף געגעסין האבן זיי געמאכט טרונקן אונזר פאטר אין בעכיר פיל מיט רייטערי גאל אזו האב איך בפולין מיין בעכיר אריין צו לייגין אין

ריין זאק אונ נאך זייער אפ רייזין וויל איך זיי צו ריק קערין צו מיר ווייל מען וועט פינדין דעם בעכר אין ריינם זאק אזו וועלין זיי אוף טרינקן איין בעכר פול מיט גאל אונ וועל נאר נאך איין קליינע שטרייט מיט מיין מוגד מיט זיי שטרייטין אונ דר נאך וועל איך מיך צו זיי דר קענן לאזן אונ יוסף זאגט צו בנימין מיין ליבר ברודר עס איז שון שפעט עס איז שון צייט צו הוז צו גיין נאכט לעגר צו מאכן :

בנימין קומט אין ציכר אריין מיט איין פריליך הארץ אונ זיין גישטאלט פלאמט אים פר גרוס שמחה די ברידער זעהין אים אזו פריליך זאגט שמעון צו בנימין ברודר האסטו פר געסין דם טרויערן ווס ריין פאטר טרויערט אוף דיר אונ דיין הארץ איז פריליך אוף דיין פנים פלאמט וועגן גרוס פרייד עס איז יוא וואר דער ווין מאכט דעם מענטשין זייער גרוס אונ גיבט אין אים גרוס גאוה פר וואר אבר מיר האבן אוך גטרונקן אזו פיל ווין ווי דו מיר האבן אלי צו גליך איין מאס גטרונקן . בנימין זאגט צו שמעון ברודר איך מאך מיין הארץ פריליך כדי איך זאל קומן צו מיין פאטר מיט איין פריליך פנים אונ אוך גזונד איך זאל זיין הארץ אוף דר פרייען זאגט מיר מייני ליבע ברידר האב איך רעכט אדר ניט : שמעון אונ לוי אונ אוך די איבריגע ברידר אלי זאגין עס איז ציטליך דייני רייד אונזר ברודר :

טרם נאר ווי דר טאג הט איין גבראכין איז בנימין אוף גשטאנן אונ וועקט אוף אלי ברידר ער זאגט צו זיי שטייט אוף ברידר דר טאג הט איין גבראכן עס איז צייט מיר זאלין אפ רייזין די ברידר שטייען אוף לאנג זאם אונ בנימין אייליט איבר זיי דם זיי זאלין גשווינד רייזן זאגן די ברידר צו אים ווס איילסטו ווס פעלט דען דיר דא : בנימין זאגט צו זיי ברידר איר הט פר געסן די טרויערן פון אונזר פאטר אוך אונזערי איזלין זענן מיט משא גלאדן אונ עס איז איין ווייטער וועג. ויקומו די ברודר שטייען אוף אונ לייגן זייער קארן אוף די איזלן אונ רייזין אפ אונ יוסף בפעלט זיין מענש דר ווס איבר זיין הוז איז אונ זאגט צו אים גשווינד יאג נאך דיזע לייט אונ זאג צו זיי ווארום הט איר פר געלד מיין הערן פר די טובה ווס ער הט איך גטאן הט איר דעם גילדענים בעכר גישטאלן. ויקח האיש דר מאן נעמט מיט זיך צעהן בעלי מלחמות מיט כלי זיין אונ זיי יאגן זיי נאך זיי זעהן זיי פון ווייטן זיי שרייען צו זיי הוי עברים פון לאנד כנען בלייבט שטיין . יהודה הערט איין קול פון רופן ער בלייבט שטיין אונ קוקט הינטר זיך די ברודר זאגן צו אים ווס קוקסטו דו ברודר זאגט יהודה מיך

דרענקט מען זאגט אונז נאך . האיש דר מאן קומט נענטר צו אונ שרייט
הוי הוי בלייבט שטיין . יהודה ווערט דר שראקן אונ בלייבט שטיין
אונ זאגט פר וואר איך לעב אז דס קול איז פון נאך יאגר . ויהי ווי
דר מאן קומט נענטר צו זיי שרייט ער מיט איין גרוס גשרייא האלט
שטייט בלייבט שטיין . די ברודר אלע זעהן שון אונ פר בלייבן שטיין .
דר מאן קומט צו זיי ער רופט זיך אפ אביסל פון דעם גיעג אונ דר
נאך זאגט ער צו די ברודר הט איר ריכט איר אייניקלך פון אברהם
העברי איר זייט יוא חכמים ונבונים ווארום הט איר פר געלט מיין
הערן שלעכטס פר דעם גוטץ וס ער הט אייך גטאן דעם בעכר וס
דר העער טרונקט אום אים אונ קאן דורך דעם בעכיר האבן אלי זאכן
האט איר מיט אייך גנימן מען הט דעם בעכיר גזיכט אונ מען גפינט
אים ניט דר העער איז זייער צארינדיג איבר אייך : יהודה אונ אלע
ברודר זאגן חלילה מיר זאלן דאס טאן פאר וואר מיר האבן דס געלד
וס מיר האבן גפונן אין אונזרי זעק צו ריק גבראכט . וויא קאן דס זיין
מיר זאלן ושטולן דעם בעכר פון דעם הערן . האיש דר מאן זאגט וס
גלויבט איר דען דער העער ווערט אייך גוויס ניט מאכן איין בלבול אום
אונזסט . עס וואר נימאנד דארטן זונדרן איר : יהודה אונ דיא ברודער
זאגן וס צערינט דר העער ער קאן זיכן אין די זעק אונ ביי וועמן מען
וועט גפונן דעם בעכר דער זאל טוט גשלאגן ווערן אונ אוך מיר אלע
וועלן זיין קנעכט צום הערן . האיש דר מאן זאגט הערט צו מיינע ליבע
ברודר ווי איר זאגט איז גוויס רעכט דס ביי דעם וואס מיר וועט גפונן
דעם בעכר פאר דינט דעם טוט ווארום עס קומן פיל לייט אלי טאג
באשטענדיג צום הערין אונ ווען מיר וועט ניט טאן איין משפט חרוץ
אן דעם מאן קאן יעדר נעמן וס ער וויל אונ מיין העער קאן גאנץ פר
ארומט ווערן נאר איך וועל מיט אייך טאן גנאד ביי דעם וס מיר וועט
גפונן דעם בעכר דר וועט נאר אליין זיין איין קנעכט אונ די איבריגע
וועלן גיין לשלום צו הויז . אונ אצונד נעמט איר אראפ אייערי זעק
פון די אייזלן מיר וועלן אן פאנגן צו זוכן אונ איר זאלט ניט פר דריסלך
זיין ווארום איך מוז מיין בפעל טאן ווי מיין העער הט מיר בפולן :
וימהרו די ברודר איילן אונ נעמן אראפ די זעק פון די אייזלן ער
זיכט אין אלע זעק אונ גפונד דעם בעכר אין דעם זאק פון
בנימין : ויקרעו די ברודר צו רייסן זייערע קליידר אונ זיי גייען אזו
צו ריק . פאנגן זיי אלע אן צו שרייען אוף בנימין . אונ יהודה זאגט
אצונד זענן מיר אלע פר לורין דוא האסט אונז אלע בטריבט האסט

אונזר אלטן פאטר בטריבט אוף אונזרי ווייבר אונ קינדער. בנימין מאכט זיך גאר שטיל שווייגן:

וראובן אומר אונ ראובן זאגט עס וואלט מיר ליבער געווען גלייך פון אום גאנג פון מיין מוטרם לייב צו שטארבן. אונ שמעון זאגט אצונד איז אנפלעקט געווארן וואס ער איז געשטרין אזו פריילך געווען די שמחה וואר ווייל ער הט דעם בעכר גנומן. זעהט נאר ברודר ווי ער הט מיט אונז געשטרן גאנץ פאלש גרעט אונ הט אונז מיט זיינע ווערטר מרמה געווען. לוי זאגט ער האט אפינטלך מיט זיין פירע מול גזאגט הקנאי וואלט דר בעכר געווען אין אונזר פאטרם הוז: גד זאגט זיין מוטר רחל הט אוך גשטולט די תרפים פון אירן פאטר לבן אונ דורך דעם האט לבן אונז נאך גיאגט אונ האט אונז אלי וועלן טוט שלאגן זונדרן דער גאט פון אונזער פאטר הט אונז בשירמט. ויען יששכר ענטפערט אוף ארמית לשון כדי בנימין זאל ניט פר שטיין וואס ער זאגט ווייל בנימין איז נאר אין לאנד כנען אוף גוואקסן געווארן דרום קאן ער ניט דם לשון פון ארמי אונ זאגט מיט דעם לשון. ברודר לאזט אים צו פרידן אונ ווארום צו ברעכט איר זיין הארץ מיר געהרן אונזרי הערצר צוא פר ברעכן וואס מיר אזו נארין זיין אונ ווארום זאלן מיר ניט מערקין אז דם איז אלץ פון גאט ב״ה וועגן אונזרי זונד האבן מיר דען ניט שון מיט אונזרי אוגן גזעהן אז דריי מאל איז אונז בצאלט געווארן אזו ווי מיר האבן גזונדיגט פר וואר מען הט אונז גמאכט צו מרגלים ווייל מיר נארן מרגלים צו דר שלאגן יוסף. מען הט אונז אין דר תפיסה גזעצט ווייל מיר האבן אונזר ברודר יוסף אין גרוב אריין געווארפן מיר האבן גהאט שרעקעניש וואס מיר האבן געפינן דם געלט אין אונזרי זעק דם וואר אוך ווייל מיר האבן פר קופט אונזר ברודר פר געלט. אצונד אוך דיא ביטערי בשורה וואס מיר האבן אצונד איז ווייל מיר האבן אונזר פאטער איין ביטערי בשורה גזאגט פון יוסף. יהודה זאגט ווען דם איז אזו ווארום זאל גשטראפט ווערן אונזר קלייגר ברודר ער הט יוא ניט גזינדיגט. יששכר זאגט דיא לייט זאגן איין שפריך ווארט ביי דעם דארן ווערט דער גיטער בום אוך גשלאגן אונ אפשר ווערט אים דר משנה למלך מוחל זיין נאר מיר וועלן גשטראפט ווערן וועגן אונזרי זינד: וישובו זיי קערן צו ריק אין דיא שטאט זייא ווערן אריין גבראכט אין הוז פון יוסף אונ ווי זיי קומן אוף דיא שוועל זאגט יוסף צו זיינע לייט וואס איבר זיין הוז איז גזעצט הט איר אוף גרומט אונ בהאלטן אלי זאכן וואס איז אין הוז די ערליכע אורחים זענן שון

ווידר גקומן ווער ווייס ווס זיי דינקן גאך ווס צו נעמן ווס עס גפונט
זיך אין הוז . האחים די ברודר פאלן פר אים צו די ערד אונ יוסף זאגט
עס זענן גקומן די ערליכע לייט ווס זיי זענן גסווי כפי.ם. פונה יוסף קערט
זיך צו די ברודר אונ זאגט ווי הט איר פר געלט איין רעה פר דיא
טובה ווס איך האב מיט אייך גטאן ווי פיל גנאר אונ איר האט מיין
בעכיר אוועק גנומן אונ איר דענקט מיט דעם בעכר כישוף צו טאן
הט איר זייער פיל גגרייזט מיט דעם בעכר קאן איך נור כישוף טאן
אבר ניט איר. יהודה זאגט ווס האבן מיר צו זאגן דעם הערן גאט הט
אצונד גפונן צוא צאלן אונז אוף אונזרי זינד דרום ווילן מיר אלי זיין
קנעכט צום הערן. יוסף זאגט חלילה איך וויל דס ניט טאן איך זאל
אייך אלי שולדיג מאכן נאר ביא דעם ווס עס איז גפונן גווארן דער
בעכר דר וועט פר בלייבן ביי מיר צו איין קנעכט אונ איר אלי גייט
אין גאטס נאמן צו הוז . יהודה גייט צוא יששכר אונ זאגט אים מיט
כעס אין דר שטול זעה אצונד ברודר וויא דיינע ווערטר זענן גאנץ
פר בראכן מיר זעהן נעבך ווי דר בוס ווערט גשלאגן אונ ניט דער
דארן דרום איז גאנץ קלאר צו זעהן דעו דס איז ניט איין שטראף פון
גאט אונ אוך אונזער ברודר בנימין איז אוך נעבך גאנץ אום שולדיג
זונדרן מען מאכט אונז ברבוגים דרום איז קיין אנדר מיטל נאר מיט
אים מלחמה צו האלטן אונ מיט גוועלטיקייט אונזר ברודר אוועק צו
נעמן . ויגש יהודה גנעהנט צו יוסף אונ זאגט צו אים אזו ווי עס שטייט
אין חומש ויאמר יוסף זאגט צוא די ברודר וואס מאכט איר מיט אייער
פראדערן איך הב קיין צייט מיט אייך אזו פיל דיספוטירען איך האב
נייטיג די לייט קארן צוא פר קופן אונ עס איז קיין צייט אום צו הערן
דס ברייטע מול . יוסף נעמט בנימין אונ פירט אים אין זיין חדר צריין
אונ פר שלוסט דיא טיר אונ יהודה בליקט מיט צארן אוף דיא טיר אונ
קומן צוא זאמן אלי ברודר אונ יהודה זאגט מיין הער איך בעט מען
זאל אונז לאזן ציהן בשלום. מורה יהודה ווייזט אוף שמעון אונ אוף לוי
אונ זאגט דס זענן די צוויי ווס האבן די שטאט שכם פר ווסט . יוסף
זאגט מיט גשפעט צו זיין שר המשקים האסטו גהערט מיין פריינד
דר מאן האט מיך גאנץ ערשראקן . ווען צוויי פון זייא. האבן איין
שטאט פר ווסט ווס קאנן מיר מאכן וועך זיי אלע וועלין איבר אונזר
לאנד קומן : מירד זאגט מיט גשפעט מיין הער איך וויל ווס פר צייטן
איך הב גהערט דאס איין מאל האט איין נאר אגרוסן לון בקומן מיט
זיין נארהייט אזו ווי דר גרעסטר חכם . עס הט זיך פר לאפן אין לאנד

אפריקא וואר זיך מאכן דעם באשע אין זיין האלז אמכה דר באשע הט גשוקט נאך דאקטורים זיי זאלן אים היילן . די דאקטורים האבן גזאגט ער קאן נית אנדערש איין רפואה האבן ביז מען וועט ברענגן מילך פון איין לייב . דר באשע האט לאזן אין זיין לאנד פובליקירן ווער עס וועט ברענגן מילך פון איין לייב דר וועט ב׳ קוטן אגרוסן לון עס קומט אבר ני[illegible]נד . ווארום ווער קאן גיין אין לייבן גרוב צו נעמן מילך . איין מאל קומט איין נאר אונ זאגט אדוני באשע זאל אייביג לעבן איך וועל דיר גווים ברענגן מילך פון די לייבן זאגט דר באשע ווי קאנסטו דיך אונטר שטיין צו גיין צום לייבן גרוב די מילך ברענגן זאגט דר נאר ווארום דען נית . פר נאר געסטרן בין איך אין וואלד גגאנגן אונ אום גפער האב איך גאר מיט איין פוס גטרעטן אויף איין נעסט פון מוראשקעס האב איך דר שלאגן עטליכע טויזנט . נוא ווען איך הב מיט איין פוס אזו פיל דר שלאגן וועל איך גיין מיט מיינע בייד פוס אונ הענד וועל איך גווים די לייבן צו רייסן אזו ווי אציקעלי . ווי דר באשע הט דס דר הערט הייבט ער אן שטארק צו לאכן אונ דורך דעם גרוסן לאכן איז דיא מכה צו שפרינגן אין האלז אונ דר נאך הט ער זיין לון אויך ריכטיג בקומן . אזו אויך מאכט אונז דר מאן איין גלעכטר . פונה אל יהודה ער קערט זיך אום צו יהודה אונ זאגט איר הט דר שלאגן די שטאט שכם עס וואר דרונן ביי לופיג דריי הונדרט מאן אלע קראנקע גשטארבענע מענשן ווילט איר אייך פאר שטעלן דס לאנד מצרים דר שלאגן ווס דרונן איז מער פון צוועלף מיליאן מענשן אונ פיר מאל צעהן טויזנט גבורים זיי לאכן אלי מיט אזאמן אונ יוסף זאגט צו די ברודר ווס דענקט איר וואס איר רומט אייך מיט אייער גבירה מיר האבן אויך אזו גבירה ווי איר . נאר איר ווייזט אייער גבירה איך מאך נערין זעהן . יהודה זאגט חלילה זיך מיט דעם צוא בריטן ווארום די גבירה איז גאר צו גאט ב"ה נאר איין קליין ווייניג ביסער וויל איך דעם הערן ווייזן . יהודה זאגט צו נפתלי גשווינד ברענג מיר אהארטן שטיין זיין וואג זאל זיין אצענטנער נפתלי ברענגט אים דעם שטיין אונ יהודה נעמט אונ צו רייבט אים מיט זיינע הענט אונ דער נאך לייגט ער דס צו ריבענע אונטר זיינע פיס אונ מאכט עס גאנץ דין אזו ווי אש . יוסף זאגט דו גבירה איז גאנץ וואונדערליך . יוסף זאגט צו מנשה מיין קונד פראביר דו פילייכט וועסטו אויך אזו קענן מאכן מנשה נעמט אויך אזו איין שטיין אונ מאכט אויך אזו וויא יהודה האט גמאכט . דיא ברודר אלע פאר וואונדרן זיך זייער אונ יהודה פאנגט

ווידר אן צו ריידן זאגט יוסף פר וואר איר זייט אלע ברודר ווארום שווייגן אלע שטיל זיי באקען דם משפט פר גוט נאר דו אליין שטעקסט דיך קענן מיר שטרייטן . יהודה זאגט הער צוא מיין הער מיינע אלע ברודר זענן ביי אונזר פאטר ניט גוט גשטאנן פאר בנימין אבר איך הב מיין פאטר ערבב גוועזן דם איך מוז אים ווידר צו שטעלן . דרום מוז איך אזו פיל ריידן אצונד מיין הער פאלג מיך נעם מיך ליבר צוא פר איין קנעכט איידר דו זאלסט נעמן דעם יונג בנימין . דר הער וועט גוויס גוט וועקסלען ווארום בנימין איז איין יונג קונד צוא וואס איז ער נוצלך אבר מיך קאן דר הער פאר ווענדן צו וואס ער וויל . יוסף זאגט צוא זיינע שרים איך מעכט געריין נעמן דעם מאן פר בנימין נור אבר ער הט גרעט מיט חוצפה ווי קאן פריד זיין אין מיין הוז ווען איך זאל האלטן אין מיין הוז אזו איין קנעכט דרום הער צו ברודר יהודה איך וועל געבן אייערן פאטר פר בנימין איין אנדר וועקסלונג . יהודה זאגט ווען דר הער זאל געבן אונזר פאטר זיין גאנצם הב אונ גוטם פר בנימין וועט ער ניט נעמן . יוסף זאגט איך דענק ניט צו געבן גאלד אודר זילבר פר אים זונדרין איין אנדרע זאך . יהודה זאגט וואס איז די זאך יוסף זאגט צו זיינע קנעכט הייסט אלי לייט זאלן אפ טרעטן אונ איר גייט אוך ארוס זונדרן די לייט פון כנען זאלן איבר בלייבן . זיי גייאן אלי ארוס, אונ יוסף זאגט צו יהודה אייער ברודר וואס איז פר לארן גוווארן וויל איך אייך צוריק געבן פר בנימין . יהודה בלייבט שטיין פר וואונדרליך אונ זאגט צו יוסף מיין הער עס איז גנוג דער הער זאל אונזר הארץ פר ביטערן מיט שפעטליכע רייד פארכט אייך פר גאט אזעלכם צוא טון . יוסף זאגט חלילה איך וויל מיט אייך קיין שפעט טרייבן דען נאך אייער אפ רייזן הב איך מיך ערינערט וואס איך האב אייך פר שפראכן נעמטרן צו זוכן אייער ברודר דעם פאר לארינם אונ ביי מיר איז דיא גוועזן וואס אמאל אום מיין מונד ארום גייט גלייך צוא באפאלן דרום האב איך אים גזוכט אונ הב אים גפינן דם ער איז היר אין די שטאט . אונ איך וויל אייך אים ווייזן דא גלייך ווי איר שטייט .

האחים די ברודר קוקן הין אין הער אינ זיי זעהן ניט . יוסף זאגט וואס קוקט איר ברודר הין אונ אהער פר וואר אייער ברודר איז פר אייערי אויגן זיין גשטאלט איז אמאן ער הט אוף זיין קאפ אהוט פון נין גאלד אונ אגאלדעניר האלז באנד איז אוף זיין האלז דר איז אייער ברודר .

האחים די ברודר הין שרעקן זיך זייער זיי טרעטן צו ריק מיט דר שרעקניש.

ויתן יוסף הייבט אוף זיין שטים מיט גוויין אונ זאגט איך בין יוסף איי.ר

ברודער וואס איר הט מיך פר קופט וכו' ווי אין חומש שטייט. ער קושט אונ האלזט אלע ברודר אונ פרייאן זיך מיט אזאמן. יוסף זאגט צו די ברודר איילט גשווינד אונ רייזט צו אונזר פאטר אונ ברענגט אים מיט זיין גאנץ הויז גזונד צו מיר. זאגט יוסף צו דיא ברודר איר זאלט אייך אוף דעם וועג ניט צאנקן דען דם וואר אלץ פון גאט אונ איר אלע הט קיין שולד. יהודה זאגט ברודר לאזט מיך איך זאל דיא גוטע בשורה אונזר פאטר זאגן, ערשטענס וויל איך בין געוועזן דר שלעכטר בשורה זאגר צו אונזר פאטר ווען מיר האבן פר קופט יוסף. פיליכט וועט דם א תשובה זיין וום איך הב דענסמאל גזונדיגט. צווייטענס אונזר פאטר איז אלט אונ איין פלוצליגע פרייד איז אזו ווי א גופט פון א שלאגנ צו די הערצר פון אלטע. דרום וויל איך איינציג וויים די בשורה זאגן :

ויבואו זיי קומן צו אירן פאטר יעקב וויא יעקב זעהט זיי פרייט ער זיך קעגן זיי אונ זאגט איך לוב גאט ווס ער העלפט מיר אין מיינע רעבינם טאג היינט זעה איך מיין שיינעם ווייו גארטין די צוקליכע פלאנצונג יעקב גייט אין דר שטיב מיט א פרייליך הארץ. יהודה אונ יששכר זאגין צו יעקב ווי גוט גאט דאס דיין הארץ זאל זיך פרייאן ווען עס וועט דיר אנפלעקט ווערן דיין זון יוסף. יעקב זאגט ליבע קונדר ווארום בלאזט איר אונטר די פר לאשענע קולן אונ איר דר מאנט מיך איך זאל צער האבן. זאגט יהודה ווארום האבן מיך דיך ניט דער מאנט ביז אצונד דם איז ווייל דר משנה למלך אום מצרים וויל דיר זאגן ווי דיין זון יוסף איז. יעקב זאגט אפשר דורך צובעריי חלילה פר לאנג איך דם ניט ווארים כי לא נחש ביעקב איך הב נאר מיין בטחון צו גאט ב"ה ער וועט מיר העלפן. עודם ווי זיי ריידן אזו מיט אזאמין קומט דר הויבט מאן וום יוסף הט גשוקט אונ בוקט זיך צו יעקב פיל מאל אונ זאגט מיין העער מאך זיך פארטיג צו דיא רייזע ווארום דר משנה למלך הט מיך גשוקט איך זאל אייך פירן נאך מצרים מיט גרום כבוד ביז אין זיין שלאם אריין. יעקב זאגט איך קאן דם ניט טון. מיינע קונדר זענן ערשט גקומן פון אזו א ווייטן וועג מיינע אויגן האבן זיך נאך ניט צו קוקט אוף זיי אונ היינט ווילסטו מיך פון זיי אוועק נעמן. דר הויבט מאן זאגט פר וואר איך וויל מיט נעמן דם גאנצע הויז גזונד נאך מצרים מיט פריידן. מיין הער זעה נאר וויא פיל פור שפאנן דר משנה הט גשוקט. יעקב קוקט דורך דעם פענסטר זעהט ער דיא פאר שפאנן ער פרעגט צוא וואס זענן דיא פאר שפאנין. יהודה אונ יששכר זאגן מיר האבן דיר שון גזאגט אז דיין זון יוסף וועט דיר אלץ אנטפלעקין יעקב זאגט ווי אזו.

זיי שווייגן אונ לאכן . יעקב זאגט וואס לאכט איר אונ אין מיר ווערט
מיין הארץ צו שפרינגן. יהודה ויששכר זאגן צו יעקב וואס זאלן מיר דיר

פול זאגן דיין זון יוסף דם איז דר משנה למלך אין מצרים :
ויפול יעקב פאלט מיט זיינעם קערפר אויף די ערד אונ הייבט אויף זיינע
הענד קעגן הומל אונ זאגט ברוך אלהי אבותי שהחייני והגיענו ליום הזה
אצונד ווייס איך דאס גאט איז מיט מיר איך האב ניט מער פארכט פר
דם גרוב פון גיהנם איך דאנק אונ לוב גאט דם ער הט מיט מיר אזו פול
גנאד גטאן . ער הט פר שפרייט מיינע לעפצין קעגן מיינע פיינד די וואס
פר לייקענן אין גאט זיי האבן מיך גלעסטרט מיט חירופים אונ גדופים
זייא האבן גזאגט עס איז פאלש מען זאל גאט דינן ווייל איך האב אזו
אברראך גהאט . אצונד מיינע קונדר קענן מיר אלע לובן אונ זונגן צו
גאט אויף זיינע ווינדרליכע מעשים .

ויסע יעקב רייזט מיט זיין גאנץ הוז גזונד נאך מצרים אונ יהודה קומט
צו יוסף אונ זאגט אונזר הייליגר פאטר איז גקומן מיט ווייבר אונ
קונדר שאף אונ רונדר ער הט מיך גשוקט צו דיר די בשורה צו זאגן.
יוסף שפאנד אליין גשווינד זיין רייט וואגן אונ גייט קעגן זיין פאטר אונ
אלע די הערן פון מצרים גייען מיט אגרוס מעכטיג חיל . ויהי וויא יעקב
זעהט דם גאנצע חיל אונ אויך איין מאן צווישן זיי וואס ער גייט גקלייד
זייער שיין אונ האט אגין גאלדענע קרון אויף זיין קאפ זאגט יעקב איך
מענק דם איז דר מלך פון מצרים. יהודה זאגט צו זיין פאטר עס זאל דר
פרייט ווערן דיין כבוד דם איז דיין זון יוסף וום גאט ב״ה הט אים גגעבן
די שונהייט פון דעם מלכות. עודם ווי זיי אזו ריידן קומט יוסף אונ שטייגט
אפ פון זיין רייט וואגן אונ פאלט צו די פוס צו יעקב אונ קישט אים אונ
וויינט. יעקב זאגט איך הב שון גנוג ווען איך זעה דיך נאר אצונד קאן איך
שון שטארבן . אונ יעקב זאגט צו יוסף מיין ליב קונד מיין הארץ פרייט
מיך דם דו לעבסט אונ ביסט אויך אגוועלטיגר אין דם גאנצע לאנד מצרים
נאר איך הב גרוס אנגסט פילייכט וועסטו נאך גיין תאוות עולם הזה דיזס
איז אום ווערדיג פר דיר אונ פר מיר . יוסף זאגט מיין ליבר פאטר איך
הב גאטס פארכט אין מיינם הארצן חלילה איך וועל ניט דם מינדעסטע
איבר טרעטן וום גאט הט גבאטן. יעקב זאגט גלובט איז גאט ב״ה דם זיין
קונדרייך איז אייביג וום הט מיר גגעבן פרימע קונדר : ובידו העוז והממשלה .

ברוך יי לעולם אמן ואמן :